## ווהלין בבנינה ובחורבנה

# ילקוט ווהלין

## זאמלונג פון זכרונות און דאקומענטן

רעדאקטירט דורך א. אבטיחי און ח.ב. אילון

דריטער באנד — זאמלבוך 18—19 — אב תשכ״ד



9
26
352

ספרית "יד ושם"
המרכז להוראת השואה
מרחב ת"א והמרכז
(בית ווהלין), גבעתיים
מס' 8810

רעדאקציע פון ח"ח:
זאב איגרת, יצחק ברט, משה בורקו, זאב גרבוב,
יוסף טבצ'ניק, נתן לבנה ויעקב עדיני.

תל־אביב — אויסגאבע דורך איגוד עולמי של יוצאי ווהלין

# ילקוט ווהלין

## אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| צו דער באַנייאונג פון „ילקוט ווהלין״ | די רעדאַקציע | 2 |
| אַ וואָרט פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד | די פאַרוואַלטונג פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד | 3—4 |
| וואָלין (ליד) | ל. אַליצקי | 4 |
| פאַרטיליקטע שטעט | ג. קרעסעל | 5—6 |


### איבערזיכטן:


| | | |
|---|---|---|
| דאָס געוויין פון דיכטערס לידער | י. וועקסלער | 7 |
| פון וואָלינער פאַרגאַנגענהייט | י. שיכאַטאָוו | 7—8 |
| אַ באַזוך אין וואָלין אין 1946 | מ. בורקא | 9—11 |
| דער כוח פון זיין געאייניקט | צ. בערגער | 12—13 |
| פון אַ פאַרטיזאַנס איבערלעבונגען | י. גראַבאָוו | 13—17 |
| משפחה למדן | ש. מאַנדעלקאָרן | 17—19 |
| מיט חסידי אומות העולם | ז. גראַבאָוו | 19—21 |


### קהילות:


| | | |
|---|---|---|
| זכרונות פון זשיטאָמיר | מ. מ. האָראָוויץ | 21—23 |
| פון זשיטאָמיר דורך אוזבעקיסטאַן און ראָוונע קיין ישראל | ד. גוז (חרמוני) | 24—25 |
| כאָדאָקי | י. בן־ארצי (וואָלפין) | 26—27 |
| קאָפיל | א. מעלמאַן | 27—29 |
| אוּן נאָך וועגן קאָפיל | ס. פערלשטיין | 29—30 |
| מאַציעוו, מיין פאַרטיליקט שטעטל | י. כץ | 30—31 |
| בעלאַזאָרקע | י. שמר (שערמאַן) | 32 |
| מלינאָוו — בורעמעל אין די רעוואָלוציע־טעג | ש. מאַנדעלקאָרן | 33—34 |


### פערזענלעכקייטן:


| | | |
|---|---|---|
| ד״ר מוני קניזשניק | ז. איגרת | 34—37 |
| חיים ענבי | י. באַנקאָווער | 37—38 |
| ד״ר חיים שאַשקעס | מ. בורקאַ | 39 |
| ברוך אַליצקי | ל. אַליצקי | 40 |
| יוסף גאָרדאָן | ב. צ. אורבוך | 41 |
| צו די וואָלינער לאַנדסלייט אין דער וועלט | דער וועלט־פאַרבאַנד | 42—43 |
| צו אַלע וואָלינער | די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד | 43—44 |
| באַגריסונגען צום נייעם יאָר תשכ״ה | די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד | 44—45 |



ספריית "יד ושם"
המרכז להוראת השואה
מרחב ת"א והמרכז
(בית ווהלין), גבעתיים
מס׳ 8809

# צו דער באַנייאונג פון „ילקוט ווהלין"

צוזאַמען מיט די הכנות אויפצושטעלן דעם „היכל וואָלין", טרעטן מיר צו באַנייען דאָס אַרויסגעבן פון „ילקוט וואָלין" („וואָלינער זאַמלונג"), כדי צו ברענגען צו די וואָלינער און פאַרן יידישן־ און עברית־לייענער אומעטום די געשיכטע און איבערלעבענישן פון וואָלינער יידנטום. אין די 17 נומערן (2 בענדער) פון „ילקוט וואָלין", וועלכע זענען פריער דערשינען, זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זכרונות, היסטאָרישע דאָקומענטן, באַשטעטיקונגען א.אַ.וו. וועגן וואָלינער יידישע קהילות, זייער אַנטוויקלונג און געשעענישן אין משך פון דורות; וועגן זייערע פערזענלעכקייטן, פרנסים, מנהיגים, עסקנים, שרייבער און קינסטלער, פאַרשידענע באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס אין אַ תקופה פון בערך טויזנט יאָר.

אונדזערע זאַמל־שריפטן זענען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן אין אַלע קרייזן, געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג און זוכה געווען צו אַ פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג. דאָס האָט באַשטעטיקט זייער וויכטיקייט. אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַן אָנהויב. ס'איז נאָך דאָ זייער פיל צו שרייבן און דערציילן וועגן וואָלינער יידנטום און זיין פאַרגאַנגענהייט, ביז ס'וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער געדאַנק צונויפשטעלן די געשיכטע פון יידן אין וואָלין און אַן ענציקלאָפּעדיע פון אירע קהילות און פערזענלעכקייטן.

דערווייל, ביז מיר וועלן זוכה זיין, און כדי מיר זאָלן זוכה זיין פאַרווירקלעכן אָט דעם וויכטיקן פּלאַן, איז אַ חוב אויף אַלע וואָלינער אַרויסגעבן יזכור־ביכער פון זייערע יידישע קהילות, כדי צוזאַמען מיט „ילקוט וואָלין", זאָלן זיי דינען אַלס ציגל און מאַטעריאַל פאַרן אויבנדערמאָנטן פּלאַן, אַלס מצבה לדורות.

אין „ילקוט וואָלין" וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן ווייטערע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, געווידמעט די וואָלינער יידישע ישובים און דעם לעבן פון זייערע קהילות. בפרט וועגן ישובים, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויסגעבן זייערע אייגענע יזכור־ביכער; פאָרשונגען, אַנטדעקונגען און ידיעות, וועלכע זענען נוגע וואָלין און איר ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. גלייכצייטיק וועט „ילקוט וואָלין" דינען אַלס טריבונע פאַרן וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט, אַלס אינפאָרמאַטאָר פון וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַרער וועלט.

א סך וואָלינער יידן, און די וואָס האָבן געהאַט אַמאָל וועלכע עס איז שייכות צו וואָלין, אָדער געקומען מיט איר אין באַרירונג, וועלכע האָבן געשעפּט און געווען באַאיינפלוסט פון אירע קוואַלן, אַ סך מאָל נישט וויסנדיק אַליין דערפון — ווענדן זיך צו אונדז מיט דער ביטע ווייטער אַרויסגעבן דעם „ילקוט וואָלין". אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, כדי פאַרעפנטלעכן־פאַראייביקן מאַטעריאַלן, פאַקטן, זכרונות און איבערלעבענישן פון אַלע צייטן, וואָס איז פאַר זיי אַ נויטווענדיקייט. אַלס צענטראַלע קערפערשאַפט פון וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב אַנטקעגנצוקומען זייערע ווונטשן און באַנייען אונדזערע זאַמלונגען אין יידיש און עברית. ס'איז צו האָפן, אַז דאָס וועט אויך פאַרשטאַרקן דעם קאָנטאַקט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן מיטן וועלט־פאַרבאַנד און — וואָס ס'איז אונדזער חלום — אויך מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

הלוואי זאָל אונדזער ציל דערגרייכט ווערן און די וואָלנער בלעטער זאָלן אויספילן דעם בלויז; זיי זאָלן באַשרייבן אונדזער עבר, כדי ער זאָל לייכטן אויך פאַר די קומענדיקע דורות.

די רעדאַקציע

# אַ וואָרט פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד

העכער 20 יאָר זענען שוין פאַריבער זינט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אָפּגעמעקט פון דער אויבערפלאַך די יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע און מיר קענען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פונעם געפיל פון אומקום און חורבן, וועלכער דריקט אויף אונדזער געמיט מיט זיין שווערער לאַסט. ס׳איז אוממעגלעך אַרויסצורייסן פון אונדזערע הערצער דאָס פּראַכטפולע יידנטום, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פאַרטיליקט געוואָרן און באַזונדער די קדושים פון וואָלין, מיט וועלכע מיר זענען געווען געבונדן פיזיש און גייסטיק.

פיל צענדליקער גרויסע און קלענערע קהילות, אין וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעוועבט אַן אייגנאַרטיקע יידישע לעבנס־פאָרם, איינגעוואָרצלט אַ פאָלקס־טראַדיציע, מנהגים און לעבנס־שטייגער, וועלכע האָבן געזויגן זייער יניקה פון אַלט־יידישער ירושה במשך פון דורות; קהילות מיט רייכער יידישער קולטור און גייסט־דערהויבנקייט, וואָס האָבן מיט זייער שיין באַלויכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק; דאָס לעבהאַפטע, וואַכזאַמע, ברויזנדע וואָלינער יידנטום, אין זיין גרעסטן טייל מאַטעריעל אָרעם, אָבער זייער רייך אין גייסט און אין וויזיע; דאָס פּרוכטבאַרע, שעפערישע יידנטום, וואָס איז אויסגעשטאַנען ליידן און פורעניותן במשך פון כמעט טויזנט יאָר; קהילות פון תורה־יידן, פיזיש און גייסטיק געזונטע פאָלקס־מענטשן, גאונים, עילויים, באַרימטע למדנים, וויסנשאַפטלער, בעלי־מלאכות און טאַלאַנטירטע איניציאַטאָרן־אונטערנעמער, אַלע, אַלע זענען זיי דורך די דייטשע רוצחים און זייערע מיטהעלפער אומגעבראַכט געוואָרן און פאַר אונדזער פאָלק פאַרלאָרן געגאַנגען.

מיר, די רעשטלעך פון דאָזיקן קערנדיקן און רומפולן יידנטום, פילן דעם הייליקן חוב אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר דעם יידישן שבט, וועלכער האָט נישט וויניק בייגעטראָגן אין די לעצטע דורות צו אונדזער פאָלקס־אויפקום, פאַר דעם שבט, וועלכער האָט געווירקט, געשאַפן און אַלץ געטאָן כדי אויפצוהיטן אונדזערע פאָלקס־אוצרות און שאַפונגען. בדחילו ורחימו טרעטן מיר צו אויסצופירן די דאָזיקע הייליקע אויפגאַבע — אויפצושטעלן פאַרן פאַרשניטענעם וואָלינער יידנטום אַ מאָנומענט, באַערן אונדזערע קדושים.

די מעלות און סגולות פון וואָלינער יידן אויפן שטח פון אוקראַינע און פוילן האָבן שטענדיק געוועקט ביי זייערע גויאישע שכנים קנאה, וואָס האָט אָפט געפירט צו אַנטי־יידישער העצע און אפילו צו בלוט־פאַרגיסונג.. דאָך האָבן פּאָגראָמען און רציחות נישט געקענט בייקומען די וואָלינער יידן. זיי האָבן נישט אָפּגעשוואַכט זייער אַרבעט, ענערגיע און דעם כוח אויפצוהאַלטן זייער יידישקייט. און ווען ביי אונדזער פאָלק איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסע מחנה חלוצים, ווען ס׳איז נמאס געוואָרן דאָס גלות־לעבן און זיי האָבן באַשלאָסן זיךווידמען דער שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון דורות צו בויען אַ היים אין אייגענעם פאָטערלאַנד, איז דער חלק פון די וואָלינער חלוצים געווען געוואָג גרויס.

די אָפּשטאַמיקע פון וואָלינער יידנטום אין ישראל און אין אַנדערע לענדער זענען טיף איבערצייגט, אַז זיי דאַרפן פאָרזעצן די גאָלדענע קייט פון אַ סך דורות און אַז אויף זיי ליגט דער הייליקער חוב צו פאַראייביקן די קדושים פון דער נאַצי־קאַטאַסטראָפע. ס׳איז דער חוב פון אונדזער דור אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַרן דאָזיקן פאָלקס־צווייג, פאַר אַלע זיינע גאונים, פּרנסים, עסקנים, שרייבער, פאָרשער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעפאָרמט אַ באַדייטנדע און וואָגיקע נאַציאָנאַלע קולטור.

דער וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך די וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן און עסקנים און איז טעטיק אין עטלעכע לענדער, זייענדיק דורכגעדרונגען

מיט דער הייליקער פליכט צו דערפילן די ערן־שליחות, האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אין ישראל א פאַראייביקונגס־ און קולטור־ווערק — דעם „היכל וואָלין". אין די ראַמען און אין דער טעטיקייט פון דאָזיקן „היכל" זאָל זיך אָפּשפּיגלען דער רומפולער עבר פון די וואָלינער קהילות, וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן און ער זאָל איינפאַסן די וואָלינער ווערטן אין דער נייער לעבנס־ראַם פון אונדזער דור און פון די, וואָס קומען נאָך אים.

דער „היכל וואָלין" וועט דינען ווי אַ לייכט־טורעם פאַר די פאַרבליבענע רעשטלעך פון וואָלינער יידנטום און פאַרן וואַקסנדן און קומענדיקן דור אויף אַ סך געביטן. ער וועט צוגעבן אַ ווערט אונדז אַליין און וועט זיין א ווערטפולערביישטייער פאַר די קומענדיקע דורות.

די פאַרוואַלטונג פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד

# וואָלין

וואָלין, געבוירנלאַנד פון גרויסן חיים נחמן,
ווען דיינע יידן האָט געספּט די ברוינע שלאַנג,
מיט זיי — די שכינה מיט איר טויבנבררום-געזאַנג, —
האָט קאַלט פון דיר אַוועקגעקוקט דער אַב-הרחמן.

ווי ס׳וואָלט אים ניחא זיין, זאָלסט גיין פאַרלוירן.
דיין פנים פינצטערט זיך, ווי השונדיקע נאַכט:
„אויף תמיד איז פאַרשאָלטן שוין מיין מוטערטראַכט —
קיין גרויסן יידן כ׳וועל שוין נישט געבוירן".

אויף די בית-עלמינס די מצבות דיינע,
וואָס קיינעמס האַרצקלאַפּ וועקט שוין נישט מער אין געוויין, —
זיי שטאַרן אין דער לופט, ווי קריצנדיקע ציין,
און זינקען אין דער ערד מיט שטומער טענה.

נאָר מיר — דאָס רעשטל — טראָגן אין זכרון
דעם זכר פון די יידן אונדזערע, וואָלין,
ווי ס׳טראָגט דעם ברכה-שטויב פון בלום-באַקאָל די בין,
צו שאַפן פון אים האָניק לויטער-קלאָרן...

ל. אַליצקי



ביים אָפענעם קבר פון די קדושים אין אַלעקסאַנדריע, ביי ראָוונע

# פאַרטיליקטע שטעט

דער דאָזיקער ווערטער־צוזאַמענשטעל, מיט דער פאַרנעפּלטער מיינונג פון אַלטער פאַרגאַנגענהייט, האָט באַקומען אין אונדזער צייט אַ גרויזאַמע באַדייטונג, נאָך דעם ווי עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן שטעט און שטעטלעך דורך דער נאַצישער בעסטיע, ימ״ש. נאָך טיפער און סימבאָלישער איז די באַדייטונג פון די צוויי ווערטער, נאָכדעם ווי זיי זענען אָנגענומען געוואָרן אַלס אַלגעמיינער באַגריף נישט לויט דעם פסוק פון איוב, נאָר דווקא פון דעם ליד „המתמיד״ פון ביאַליקן, דעם וואָלינער. היינט איז קיין שפּאָר נישט פאַרבליבן פון די הייליקע קהילות, קיין זכר פון דעם טיף־איינגעוואָרצלטן, לאַנג־דורותדיקן יידנטום. עס גליט נאָר דאָס פאַרבאָרגענע פּיירל אין די הערצער פון די איבערגעבליבענע, צעזייטע און צעשפּרייטע אויף גאָר דער וועלט, און באַזונדערס אין דעם לאַנד ישראל.

אין ישראל האָט זיך נאָכן קריג געשאַפן אַ ספּעציעלע ליטעראַטור, די אָנדענק־ביכער און שריפטן נאָך די אומגעקומענע קהילות און די שווידערהאַפטע איבערלעבונגען.

אויך פאַר דעם האָבן עקזיסטירט מאָנאָגראַמען פון יידישע קהילות, אין העברעאיש און אין יידיש. דער נייער ליטעראַרישער שטראָם, אָבער, אונטערשיידט זיך גרינטלעך פון דעם וואָס איז דערשינען ביז איצט.

דאַן, „אין די אַלטע גוטע צייטן״, זענען געזעסן רבנים אין קהילות אין דייטשלאַנד, און סתם תלמידי חכמים אין מזרח־אייראָפּע, און זיך אָפּגעגעבן דער פאָרשונג פון לעבן און היסטאָריע פון די קהילות. דאָס איז געווען אַ רואיקע אַרבעט, עס האָבן נאָך עקזיסטירט דאַן טראַדיציעס און עס זענען נאָך געווען אַרכיוון. היינט אָבער איז אינגאַנצן אַנדערש. וואָס עס דערשיינט אין דרוק, ווערט געשאַפן אויסער די קהילות, ווייל זיי אַלע זענען דאָך צעשטערט געוואָרן אינגאַנצן, אָן אַ שריד און שפּאָר. די ווייניקע וואָס זענען מיט ניסים ביים לעבן געבליבן, טראָגן אין זייער האַרצן דעם אָנדענק פון געבורטס־שטאָט און דער דאָזיקער אָנדענק איז דאָס איינציקע וואָס איז פאַרבליבן פון די קהילות.

די ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס שטעלן אויף דענקמאָלן פאַר די אומגעקומענע, מערן זיך פּראָפּאָרציאָנעל צו די יאָרן וואָס גייען פאַרביי זינט דער קאַטאַסטראָפע.

אָט טרעפן מיר דאָ, טאָג־איין טאָג־אויס, טויזנטער מענטשן, פאַרטאָן אין זייערע טאָגטעגלעכע באַשעפטיקונגען, און מיר ברענגען גאָרנישט אויף אונדזער געדאַנק די מעגלעכקייט אַז די מענטשן, אין די טיפענישן פון זייערע נשמות, לעבן גאָר אויף אַן אַנדער וועלט. נאָך מער: די גאַנץ אַנדערע וועלט לעבט אין זיי, און אַזוי אַרום געפינען זיי זיך אויף צוויי וועלטן און לעבן אַ דאָפּלט לעבן. די אַנוועזנהייט פאַרשטעלט און פאַרדעקט דעם פאַרבאָרגענעם וועזן פון דער דערהויבענער און גרויזאַמער פאַרגאַנגענהייט. פיל פון זיי האָבן פאַרלאָזט זייער געבורטס־שטאָט נאָך פאַר דער פאַרניכטונג, און פאַר זייערע אויגן שטייט דאָס בילד פון שטעטל אין זיין גאַנצער אויסערלעכער אָרעמקייט און אין אינערלעכן גייסטיקן רייכטום. דאָס דאָזיקע בילד ווילן זיי באַשרייבן און פאַראייביקן.

די פאַרשוואונדענע שטעט און קהילות האָבן איבערגעלאָזט ראָמאַנטישע דערינערונגען, אַזוי, אַז אפילו די דערשיינונגען וועלכע מיר האָבן זיך צו יענער צייט קעגנגעשטעלט, זעען מיר היינט אין שיינע פאַרבן, און דאָס דערנערט נאָך אונדזער פאַנטאַזיע פון דעם אונטערבאַוווסטזיין. ערשט נאָך דעם קריג האָבן מיר אָנגעהויבן דורכצובלעטערן און אַריינדרינגען אין דער פאַרגאַנגענהייט און ערשט היינט אַנטדעקן מיר ווי אומגעהויער גרויס איז אונדזער פאַרלוסט (דאָס איז אַ

פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם, וואָס דערוואַרט נאָך זיין אויפקלערונג).

אינצווישנצייט דרייען זיך אַרום צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס טראָגן אין זיך דעם גייסט פון זייער שטאָט, און ס׳דוכט זיך, עס וואַקסט דער סענטימענטאַלער געפיל וואָס מער צייט עס גייט פאַרביי זינט דעם חורבן.

פון דעם טאַקע שפּראָצן און דערשיינען יעדן טאָג נאָך און נאָך יזכור־ביכער פון די אומגעבראַכטע קהילות. נישט תמיד איז דאָס בוך פאַרהעלטנישמעסיק אין פאַרנעם צו דער חשובדיקייט פון דער קהילה. אָבער, נישט די דאָזיקע חשובדיקייט — וועלכע קאָן געמאָסטן ווערן לויט פאַרשידענע קריטעריומס — דעצידירט אין די אויגן פון די איבערגעבליבענע. פאַר זיי איז יעדער ווינקל און יעדער שטיין פון זייער שטעטל ליב. זיי פאַרלייכטערן זיך דעם באַלאַסט פון האַרצן שרייבנדיק וועגן פּערזענלעכקייטן, אַנשטאַלטן, און געגנטן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אין זייער גייסט אַ ספּעציעלע באַפאַרבונג, און עקזיסטירן ווי אַן איבערגעבליבענע ווירקלעכקייט, נישט סתם אַ מליצה.

די לאַנדסלייט פון וואָלין, נאָכפאָלגנדיק און לייענענדיק די פאַרשידענע ביכער, האָבן אויסגעפונען, אַז די ווערק זענען אַ פּראָדוקט פון איינצלנע „משוגענע" צו דער זאַך, און אַזוי אַרום האָבן אַנדערע, גרעסערע שטעט, איבערהויפּט נישט אַרויסגעגעבן קיין יזכור־ביכער, ווייל אַזאַ „משוגענער" האָט זיך נישט געפונען. די וואָלינער האָבן איינגעזען, אַז דאָ פאָדערט זיך אַ געמיינזאַמע, אַלגעמיינע אָנשטרענגונג, בכדי צו שאַפן דעם דענקמאָל, גייסטיקן ווי אויך רעאַלן, פאַר דעם וואָלינער יידנטום — דאָס וויגעלע און יסוד פון יידישן געדאַנק, שאַפונגען, טראַדיציעס, ווערן און פאָלקסטימלעכקייט. אַזוי אַרום איז דערשינען, נאָך אַן אינטענסיווער אַרבעט, דער „ילקוט ווהלין" (צוויי בענדער, רעדאַגירט פון א. אבטיחי, ח. ב. אילון און א. זמיר, תש"ה—תשי"ג), אין וועלכן עס זענען דערמאָנט געוואָרן אַלע קהילות, גרויסע ווי קליינע. אויף אַזאַ אופן איז אַנטשטאַנען איין זאַמלונג פאַר די אַלע האַלב־צופעליקע און ספּאָנטאַנע „יזכור"־שאַפונגען. און נאָך מער — ס׳שאַפט זיך אַן אַלגעמיין בילד, פון דעם גרויסן שטח, געדיכט באַזעצט מיט יידן און טיף איינגעוואָרצלטער יידישקייט, וואָס ימען פון טינט וואָלטן נישט גענוג געווען כדי צו באַשרייבן זייער גייסטיק רייכטום. די יזכור־ביכער וואָס זענען שוין דערשינען (פון ראָוונע, לוצק, קאָוועל, בערעסטעטשקאָ, קרעמעניץ, לודמיר און אַנדערע) קאָנען דאָך נישט אויסדריקן און דערגרייכן דאָס, וואָס ס׳וועט אַנטהאַלטן דער „היכל" פון גאַנץ וואָלין.

דערפאַר דאַרף מען באַגריסן די קאָנטינוירונג פון „ילקוט ווהלין" און מען מעג אים אויך ווינטשן אַ ווייטערדיקע דערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג.

ג. קרעסעל



דער ברידער־קבר אין סאַרני

# איבערזיכטן:

## דאָס געוויין פון דיכטערס לידער

אין יעדן פאַמיליע־אומגליק געפינט מען שטענדיק אַ טרייסט־וואָרט. יעדער איינער טראָגט אין זיך דעם צער לויט דער גרויס פונעם אומגליק, אָבער דעם בראָך פון אַ גאַנץ פאָלק ווער קאָן אַרומנעמען?

פון יעדן אָרט און פלאַץ טראָגט זיך דאָס שטילע געוויין נאָך אַ זון, אַ מוטער, אַ שוועסטער און אַ קינד, וועלכע זענען אַזוי יונג אומגעבראַכט געוואָרן.

דער רויך, וואָס הויבט זיך אין די הויכן, זאָל ער אפילו זיין שוואַרצער פון שוואַרץ, דאָך, וואָס העכער ער דערגרייכט די הימלען, ווערט ער אַלץ לויטערער און דורכזיכטיקער, ווייל קיין אומריינע מענטשלעכע האַנט קאָן אים מער נישט באַרירן.

אַזאַ לויטערע ליכט שיינט צו אונדז אַרויס פון די לידער פון דעם גרויסן טראַגיש־אומגעקומענעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, דער דיכטער פון חורבן, וועלכער האָט אין די פינצטערע קעלערן פון געטאָ און די גהינעמדיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן געשריבן „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק":

„ווי און ווינד איז צו מיר, נישטאָ... נישטאָ קיין מענטש... געווען אַ פאָלק, געווען און נישטאָ מער".

דאָס גאַנצע פאָלק האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס געוויין פון דיכטערס לידער. יעדער איינער און זיין אומגליק, וואָס ווערט געטראָגן אין האַרצן. יעדע משפחה באַוויינט אירע נאָענטע און קרובים; אומגעהויער שווער איז צו טראָגן ביחידות אָט אַ דעם גרויסן צער און פּיין. ווען עס ווערן איינגעאָרדנט געמיינזאַמע אזכרות אין לאַנד און אין דער גאָרער וועלט, ווערט דאַן דער צער פון יחיד צוזאַמענגעגאָסן מיטן טרויער פון כלל, און אָט פון דעם גרויסן קלאַג און יאָמער שטראַלן אַרויס די לויטערע געשטאַלטן פון די גייסטיקע ריזן, וועלכע האָבן ביז זייער ביטערן סוף מיט מסירות־נפש, מיט איבערמענטשלעכע כוחות באַמיט זיך צו פירן די צעשטערטע, טרינקענדע שיף אין דעם פייער־פלאַמענדיקן ים פון אומקום, אין שיין פון יעדן פונק פון דערלייזונג, פון באַפרייאונג.

די יאָרן פון חורבן זענען טיף־טיף איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון פון פאָלק. די שוידערלעכע דערציילונגען פון די איינצלנע איבערגעבליבענע וועגן זייערע גרויזאַמע איבערלעבונגען אין די וועלדער, בונקערס און קעלערן, אַנטפּלעקן פאַר אונדז גאָר אַ קליינעם טייל פון אָט דער גרויסער בלוט־באָד, וואָס איר גלייכן איז אין אונדזער געשיכטע נישט פאַראַן, דאָס פאַרניכטן דעם יידישן ישוב אין אייראָפּע, דאָס אויסראָטן, אָפּמעקן די אַלט־איינגעזעסענע קהילות, צווישן זיי די יידישע קהילות אין וואָלין.

י. וועקסלער

## פון וואָלינער פאַרגאַנגענהייט

איך זע פאַר מיינע אויגן וואָלין, באַזונדערס אין פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות, מיט אירע שטעט און שטעטלעך, ווו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען אַ יידישע. די רייכע, איינגעוואָרצלטע יידישע וואָלין, איר פעטער באָדן מיט אירע מילן, טאַרטאַקן און וואַלד־אונטערנעמונגען, ציגל־פאַבריקן, ביר־פּראָדוקציע א. א. באַקליידונגס־אונטערנעמונגען, אינדוסטריע, גרויסע האַנדלס־אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן באַשעפטיקט יידן און זיי מפרנס געווען. וואָלין מיט איר יידיש־וועלטלעכער קולטור, אַ נעץ פון יידישע

פאָלקס־שולן, קינדער־היימען, ביבליאָטעקן, דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון ציש״א, „תרבות״, „אָרט״ א. א. און הילפס־אַנשטאַלטן ווי בתי־יתומים און סאָציאַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. וואָלין, וואָס האָט געגעבן אַזאַ באַדייטנדן צושטייער צו דער יידישער קולטור־שאַפונג, דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אין וואָלין. א גאַנצע פלעיאַדע יידישע שרייבער, שול־ און קולטור־טוער איז געווען טעטיק אין וואָלין ווי אויך אויסער איר, א קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק, וועלכע האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן אויף וואָלין און אין דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. די בעלי־מלאכהס, געשעפטס־אַנגעשטעלטע א. א. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, דער בונד, פּועלי־ציון, שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט טויזנטער מיטגלידער פון אַלע פאַכן.

דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט געשפּרודלט אויף אַלע געביטן. די אַרבעטער, האַנטווערקער און די האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן געפירט א שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ און טעטיקייט. אין פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז נאָר אין געוויסע מאָמענטן געווען מעגלעך פירן די אַרבעט נאָרמאַל און אומגעשטערט. אַלע יאָרן זענען די יידן געווען אַן אָביעקט פון אַנגריף און קאַמף מצד פאַרשידענע רעאַקציאָנערע כוחות אין פּוילן. די יידן איז אויסגעקומען שטענדיק צו פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. שווערע יאָרן, אָבער יאָרן אויך פון קענטיקע רעזולטאַטן אויף א סך געביטן. נאַטירלעך איז דאָס פילפאַרביקע יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אויף וואָלין נישט געווען קיין אינדזל, נאָר א טייל פון דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן פון דעם דריי און האַלב־מיליאָניקן יידישן לעבן אין פּוילן. דאָס אַלץ איז דורך דער היטלעריסטישער בעסטיע גענצלעך פאַרניכטעט געוואָרן, מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן. א גרויסן חלק אין דעם האָט די אוקראַינישע באַפעלקערונג, די שכנים, מיט וועלכע יידן אויף וואָלין האָבן מיטגעלעבט יאָרהונדערטער, צוזאַמען געאַרבעט, געהאַנדלט, געוואַנדלט, זיי האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשן.

עס איז נאָך עד היום נישט פאַראייביקט אין א פולער מאָס דער אָנדענק פון די וואָלינער יידן־קדושים. עס זענען כמעט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן די מאַטעריאַלן און פאַקטן וועגן דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון די וואָלינער יידן. די דערשינענע יזכור־ביכער וועגן פאַרטיליקטע וואָלינער ישובים זענען ערשט א טייל פון דעם, וואָס דאַרף נאָך געשריבן ווערן. נישט אומעטום אויף וואָלין זענען יידן געגאַנגען פרייוויליק צום אומקום. די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט אין אירע רייען געהאַט א סך וואָלינער. די אויסברוכן פון ווידערשטאַנד פון די יידן אויף וואָלין, וועמענס בלוט עס האָט איינגעזאַפּט די פעטע וואָלינער ערד, וועלן אַריין אין דער געשיכטע ווי גרויסע העלדנטאַטן.

די לעבן־געבליבענע פּוילישע יידן האָבן נאָך דער מלחמה, אומאָפּהענגיק פון זייערע נייע וווין־ערטער, געהאַט די מעגלעכקייטן באַזוכן זייערע פאַרמלחמהדיקע שטעט און שטעטלעך. אָבער די וואָלינער יידן זענען אויך אין דער הינזיכט געשטראָפט געוואָרן. וואָלין איז פאַרבליבן ביי רוסלאַנד, און די וואָלינער יידן האָבן נישט די מעגלעכקייט אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד זייערע נאָענטסטע, אַזוי טראַגיש אומגעקומענע.

די וואָלינער זענען צעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילן. זיי זענען אַ טייל פון די יידישע ישובים. פיל פון די לעבן־געבליבענע, צוזאַמען מיט די אַלט־איינגעזעסענע וואָלינער, באַטייליקן זיך אין די טעטיקייטן פון די וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן.

דאָס שאַפן א וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער אין ישראל, דאָס אָרגאַניזירן די וואָלינער אויף דער וועלט, איז א גוטער געדאַנק. ס׳איז צו האָפן, אַז די פּלענער פון פאַרבאַנד וועלן פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס וויכטיקסטע דאַרף זיין — פאַראייביקן טויזנט יאָר יידיש לעבן אין וואָלין.

י. שיכאַטאָוו

# אַ באַזוך אין וואָלין אין 1946

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך אין יאָר 1941 פאַרוואָגלט געוואָרן קיין דזשאַמבול, קאַזאַכסטאַן. פון דאָרט בין איך סוף 1944 אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע, צום יידישן קאָמיטעט ביי ז.פ.פ. (פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן אין ראַטנפאַרבאַנד).

די אויפגאַבע פון קאָמיטעט, אין שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער געוועזענער סיים־דעפּוטאַט ד״ר זאָמערשטיין, איז געווען צו דערטיילן מאַטעריעלע און יורידישע הילף די יידישע פּליטים פון פוילן. נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט אין דאָזיקן קאָמיטעט, באַזונדערס ביים אויסקעמפן און אָרגאַניזירן די רעפּאַטריאַציע פון די יידישע פּליטים פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פוילן, האָב איך, אויף מיין וועג פון מאָסקווע קיין וואַרשע, אָנהויב אויגוסט 1946, באַזוכט איניקע שטעט אין וואָלין, בתוכם אויך ראָוונע. איך האָב דאַן געטראָפן אין ראָוונע די איינציקע אין וואָלין לעגאַליזירטע דורך דער סאָוויעטישער מאַכט קהילה, מיט ה׳ כץ אַלס ראש־הקהל, און דעם יונגן זיבעס אַלס רב פון דער קהילה.

מיין דאָרטיקער באַזוך איז אויסגעפאַלן אין טאָג פון תשעה־באב. אין דער איינציק־פאַרבליבענער גרויסער שול, וועלכע די נאַציס האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ מאַגאַזין, האָבן זיך פאַרזאַמלט בערך צוויי מנינים יידן צו קינות און באַוויינס דעם אַלטן און נייעם חורבן. און ס׳איז געווען אויף וואָס צו וויינען, ווייל פון דער גרויסער, בערך 30־טויזנטיקער ראָוונער יידישער קהילה, האָבן זיך דאַן דאָרט געפונען בלויז עטלעכע צענדליק יידישע נפשות, אָפּגעראַטעוועטע בנס אין ראָוונע און אין דער געגנט, אָדער צוריקגעקערטע פון ראַטנפאַרבאַנד.

היות דער הויפּט־ציל פון מיין באַזוך איז געווען צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן און אומקום פון די דאָרטיקע יידן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט דער ראָוונער ראש־הקהל ה׳ כץ מיך פריינטלעך אויפגענומען אַלס זיין גאַסט און זייער פיל געהאָלפן צונויפפירן מיך מיט איניקע אָפּגעראַטעוועטע פון די נאַצישע נעגל יידן און אַנדערע פערזאָנען, פון וועלכע איך האָב באַקומען די נויטיקע ידיעות און מאַטעריאַלן.

צווישן אַנדערע האָט מיר ה׳ כץ פאָרגעשטעלט אַן אָרטיקן פויער, אַ סובאָטניק, מיטן נאָמען אַזאַרטשוק. געווען איז דאָס אַ פעסטגעבויטער מאַן אין די פופציקער יאָרן מיט אַ געדיכטער באָרד אַרום זיין גוטמוטיקן פנים. דער דערמאָנטער האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם אַ פעקעלע צייטונגען און פּאַפּירן, פון וועלכע ער האָט ענדלעך אַרויסגעוויקלט צוויי פּאַפּירלעך. איינס פון זיי איז געווען אַ באַשטעטיקונג פון דער קהילה, אַז ער — אַזאַרטשוק — האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין כוטאָר אין וואַלד נעבן טוטשין, 7 יידישע נפשות פון טוטשין, און אויף דעם צווייטן האָבן די געראַטעוועטע אַליין מיט זייערע חתימות באַשטעטיקט, אַז אַזאַרטשוק מיט זיין פרוי האָבן זיי במשך פון אַנדערטהאַלבן יאָר אויסבאַהאַלטן און אויסגעהאַלטן אָן קיין שום אָפּצאָל, און אַזוי אַרום זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן אומקום. מיט די דאָזיקע צוויי באַשטעטיקונגען צעשיידט זיך נישט ה׳ אַזאַרטשוק און טראָגט זיי ביים האַרצן ווי הייליקע רעליקוויעס.

אין ווייטערדיקן שמועס האָט מיר ה׳ אַזאַרטשוק איבערגעגעבן גענויע פּרטים ווי אַזוי אין טאָג פון דער יידן־שחיטה אין טוטשין זענען געלאָפן די אַרומיקע פּויערים, בתוכם זיין אייגענער ברודער, וועלכער וווינט בשכנות מיט אים אין זעלבן כוטאָר, מיט פולע זעק אָנגערויבטע יידישע פאַרמעגנס, ווי אַזוי ער און זיין פרוי האָבן געטרויערט צוליב דעם אומגליק פון די טוטשינער יידן, און באַזונדערס געוויינט אויפן גורל פון 2 דאָרטיקע פאַמיליעס, מיט וועלכע זיי זענען געווען גוט באַפריינדעט. נישט קענענדיק איינשלאָפן,

ספרית "יד ושם"
המרכז להוראת השואה
מרחב ת״א והמרכז

האָבן זיי שפּעט ביינאַכט געהערט דאָס אָפּטע בילן פון זייער הונט, און ווען ער איז אַרויס געוויר ווערן די סיבה דערפון, האָט ער געטראָפן אין וואַלד 4 נפשות פון איין פאַמיליע און שפּעטער ווידער 3 נפשות פון דער צווייטער יידישער פאַמיליע, וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן פונעם שחיטה־פּלאַץ. ער און זיין פרוי האָבן זיי האַרציק אויפגענומען, באַהאַלטן זיי פריער אין זייער שייער, און שפּעטער אין אַ ספּעציעל אויסגעגראָבענעם בונקער אונטער דער סטאַדאָלע, וווּ זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביז צום אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי אין יאָר 1944.

במשך פון דער גאַנצער צייט האָבן זיי געמוזט זיך אויסהיטן אַפילו פאַר זייערע אייגענע קליינע קינדער, ווי אויך פאַר דער שכנותדיקער פאַמיליע פון זיין ברודער, זיי זאָלן זיך חלילה נישט דערוויסן, אַז ביי אים באַהאַלטן זיך אויס יידן. דערצו זענען צוגעקומען די גרויסע אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן אין יענער צייט, ווייל ער האָט געמוזט באַזאָרגן שפּייז און הלבשה אויך פאַר זיין אייגענער 7־נפשותדיקער פאַמיליע. אָבער ער און זיין פרוי, אַלס גלויביקע סובאָטניקעס, האָבן געזען אין דעם אַ צייכן פון דער השגחה, וועלכע האָט כנגד זייערע אייגענע זיבן נפשות, זיי מזכה געווען צו ראַטעווען זיבן יידישע נפשות.

ווען די היטלער־אַרמיי איז אַנטלאָפן און די געגנט איז באַזעצט געוואָרן דורך די סאָוויעטן, האָט ה' אַזאַרטשוק איבערגעפירט די געראַטעוועטע זיבן יידן קיין ראָוונע, פון וואַנען זיי זענען אין אַ קורצער צייט אַרום אָפּגעפאָרן קיין פּוילן און פון דאָרט וואַרשיינלעך ווייטער. דאָ אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אַזאַרטשוקס פאַמיליע די אמתע צרות: ווען די אַרומיקע פּויערים און די בולבאָווצעס־באַנדעס האָבן זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן געראַטעוועט יידן, איז דאָס לעבן פון דער פאַמיליע געשטעלט געוואָרן אין סכ ער האָט דעריבער געמוזט שנעל פאַרקויפן זיין הויז און ווירטשאַפט צו זיין ברודער פאַר אַ זייער ביליקן פּרייז, און זיך איבערגעצויגן מיט זיין פאַמיליע קיין ראָוונע.

איך האָב, נאַטירלעך, תיכף געשריבן וועגן דעם ענין צו דעם יידישן קאָמיטעט קיין מאָסקווע און באַזאָרגט הילף פאַר דער דאָזיקער נאָבעלער פאַמיליע. גלייכצייטיק האָב איך געגעבן דעם ה' אַזאַרטשוק 100 רובל ער זאָל זיך פאָטאָגראַפירן, כדי איך זאָל וועגן זיינע מעשים קאָנען פאַרעפנטלעכן אין אויסלאַנד. האָט ער מיר אָבער באַמערקט, אַז דער חלק פון זיין פרוי ביים ראַטעווען די יידן איז געווען אַ סך גרעסער פון זיינעם, ווייל זי האָט במשך פון דער גאַנצער צייט זיי באַדינט, געקאָכט, געוואַשן, גערייניקט א.אַ.וו. האָב איך אים דאַן געגעבן נאָך 100 רובל אויף אַ פאָטאָגראַפיע אויך פון זיין פרוי. שפּעטער אָבער מיט אַ פאַר שעה האָט מיר דער ה' אַזאַרטשוק צוריקגעבראַכט די 200 רובל צוזאַמען מיט 2 קליינע פאָטאָגראַפיעס פון אים און פון זיין פרוי, וועלכע ער האָט געפונען ביי זיך נאָך פון פאַר דער מלחמה.



אַזאַרטשוק און זיין פרוי
וועלכע האָבן געראַטעוועט יידן

איך בין נאָכדעם פאַרבליבן נעכטיקן אין דער וווינונג פונעם ראש־הקהל ה' כץ און אויסגעהערט פון פאַרשידענע פּערזאָנען ידיעות וועגן די נאַצישע רציחות אין ראָוונע און אומגעגנט. אַרום האַלבער נאַכט האָט זיך ווידער אַריינגעשטעלט דער ה' אַזאַרטשוק, און אַנטשולדיקנדיק זיך פיל מאָל דערפאַר וואָס ער באַמיט מיך אַזוי שפּעט, האָט ער דערקלערט, אַז זיין פרוי האָט אים געצוווּנגען

גיין צו מיר מיט אַ בקשה, וועלכע ער שעמט זיך פשוט מיר אַרויסצוזאָגן, וויסנדיק, אַז דאָס איז אומעגלעך צו דערפילן. נאָך לאַנגע דערמוטיקונגען פון מיין זייט, האָב איך דערהערט פון אים פאָלגנדיקע בקשה: „היות, ווי איך זע, ביסטו אַ גוטער מענטש און ווילסט העלפן מיין פאַמיליע, בעטן מיר דיך, אויב ס'איז נאָר מעגלעך, טאָ נעם אונדז צו פון דאַנען". אויף מיין פראַגע: „וווהין זאָל איך אייך נעמען?" האָב איך באַקומען אַן ענטפער: „אַהין ווו עס זענען נישטאָ קיין שלעכטע מענטשן". האָב איך ווייטער געפרעגט: „ווו, דענקט איר, זענען נישטאָ קיין שלעכטע מענטשן?" דערויף האָט ער מיר געענטפערט קורץ און איבערצייגנדיק: „אין פאַלעסטינע!". די דאָזיקע בקשה פון ה' אָזאָרטשוק איז ליידער, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אומעגלעך געווען צו דערפילן.

אויסער ראָוונע, האָב איך נאָך דאַן באַזוכט סאַרני, לוצק און קאָוועל, און אויך דאָרטן זיך פיל אָנגעהערט און צוגעזען דעם חורבן פון די אָרטיקע יידישע קהילות. אין לוצק און אין קאָוועל איז די צאָל אָפגעראַטעוועטע יידן געווען נאָך קלענער ווי אין ראָוונע, און אין סאַרני האָב איך געטראָפן בלויז געציילטע יידישע נפשות. די יידישע הייזער, געשעפטן, בתי־מדרשים, שולן און אינסטיטוציעס, וועלכע זענען נישט פאַרברענט, אָדער צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס, זענען באַזעצט געוואָרן דורך נייע קריסטלעכע בעלי־בתים, אָדער דורך דער סאָוויעטישער מאַכט. די נאַציס און זייערע אָרטיקע מיטהעלפער האָבן נישט געשאַנעוועט אפילו די בתי־קבורות. זיי האָבן צעשטערט אַ סך מצבות, וועלכע אונדזערע אבות־אבותינו האָבן במשך פון צענדליקער דורות אויפגעשטעלט לזכר די טייערע נפטרים, און מיט די הייליקע מצבות־שטיינער האָבן די צוררים אויסברוקירט טראָטואַרן. די ידיעות וועלכע זענען במשך פון דער צייט צו אונדז דערגאַנגען באַשטעטיקן אַז, ליידער, איז די לאַגע נישט בעסער געווען אין אַלע אַנדערע שטעט און געוועזענע יידישע ישובים אויף וואָלין. פאַרקערט, אין פיל ערטער זענען די יידישע בית־עלמינס אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן, און זייערע שטחים זענען צעאַקערט אָדער פאַרבויט געוואָרן. אַזוי אַרום האָבן די שונאי ישראל פון אַלע מינים, ווייטע און אָרטיקע, נישט נאָר בעסטיאַליש אומגעבראַכט אַלע, לערך אַ מיליאָן יידישע נפשות אין וואָלין, חרוב געמאַכט אַלע, במשך פון צענדליקער דורות געבויטע און אַנטוויקלטע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, פאַרניכטעט און צוגערויבט אַלע יידישע הייזער, געשעפטן, וואַרשטאַטן, פאַבריקן און אַנדערע האָב־און־גוטס, נאָר האָבן אויך באַרבאַריש אָפּגעמעקט און באַמיען זיך ווייטער אָפּצווישן אינגאַנצן דעם זכר פון די יידן, וועלכע האָבן במשך פון פיל הונדערטער יאָרן מיט זייער מי און ענערגיע געהאָלפן אַנטוויקלען דעם וואָלינער געביט. עס איז דעריבער דאָפּלט שטאַרקער דער חוב פון אונדז — די לעצטע לעבנגעבליבענע רעשטלעך — צו פאַראייביקן דעם זכר פון וואָלינער יידנטום און פון זיין גרויסער גייסטיקער ירושה, וועלכע האָט באַרייכערט און באַשיינט דעם נאָמען און רום פון גאַנצן יידישן פאָלק.

און דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך אויפשטעלן אין ישראל דעם „היכל וואָלין", אין וועלכן עס זאָלן געזאַמלט און קאָנצענטרירט ווערן די גייסטיקע אוצרות, וואָס דאָס וואָלינער יידנטום האָט געשאַפן, וועלכער זאָל דינען אַלס צענטער און זאַמל־אָרט פון אַלע וואָלינער יידן און לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט, און וועלכער זאָל גלייכצייטיק זיין אַ ווירדיקער מאָנומענט פאַר די אומגעבראַכטע דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער וואָלינער קדושים און קהילות.

משה בורקאָ

# דער כּוח פֿון זיין געאייניקט

די גליקלעכע, וועלכע זענען עולה געווען קיין ישראל נאָך פאַר דער מלחמה, צוזאַמען מיט די, וועלכע זענען געראַטעוועט געוואָרן פון נאַצישן גיהנום, האָבן זיך צוערשט אָרגאַניזירט אין אַן אַלגעמיינעם וואָלינער פאַריין. אין לויף פון דער צייט האָבן זיך, מיט דער מיטהילף פון דעם לאַנד־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן, אָנגעהויבן צו פאַרמירן זעלבשטענדיקע פאַריינען פון יעדער שטאָט און שטעטל. אַזוי האָבן זיך אָרגאַניזירט כמעט אַלע וואָלינער אין ישראל. יאָר־איין יאָר־אויס אָרדענען זיי איין אָנדענק־אָוונטן לזכר די קדושים. אַ סך האָבן אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן ביכער אין אָנדענק פון דער אומגעקומענער און צעשטערטער היים. אויך זענען געגרינדעט געוואָרן גמילות־חסדים־קאַסעס, וועמענס אויפגאַבע איז אויסצושטרעקן אַ וואַרעמע ברידערלעכע האַנט פאַר נייע עולים.

עטלעכע צילן זענען געשטאַנען פאַר די גרינדער פון אָט די פאַריינען. די הויפט־אויפגאַבע איז געווען — אָרגאַניזירן זיך געזעלשאַפטלעך אויפן יסוד פון דער נאָענטער געמיינזאַמער פאַרגאַנגענהייט, אויסשטרעקן הילף פאַר די, וועלכע נויטיקן זיך אין איר און פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים.

די קאָמיטעטן פון די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט אין זייער אַרבעט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס זענען אויך געווען איבעררייסן אין זייער אַרבעט, צוליב פאַרשידענע סיבות און פאַקטאָרן.

אין לויף פון דער צייט איז אויך געשאַפן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן און פראָפעסיאָנעלע קערפערשאַפטן פון די שטעט און שטעטלעך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, פראַנקרייך א. אַ. אויך פון דאָרטן איז מען אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אָפענער האַנט צו יעדן רוף, וועמען מיט אַן אונטערשטיצונג און וועמען מיט אַ הלוואה; אויך זענען געשיקט געוואָרן פעקלעך שפייז און מלבושים פאַר לאַנדסלייט, וועלכע זענען פאַרבליבן אין רוסלאַנד. די לאַנדסלייט־פאַריינען האָבן געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן לעבן פון די קהילות פון דער צייט, ווען זיי האָבן נאָך עקזיסטירט, און ספּעציעל פון דער צייט פון גרויסן אומגליק. מען האָט אַרויסגעגעבן אָנדענק־ביכער לזכר די חרוב־געוואָרענע קהילות. אויך האָט מען באַשטימט אַן אָנדענק־טאָג, אין וועלכן מען קומט זיך צונויף און מ׳דערמאָנט די קדושים.

די ביכער, וועלכע זענען שוין דערשינען, וועלן געוויס דינען אַלס אַ יסוד פאַר דעם צוקונפטיקן פאָרשער ווי אַזוי וואָלינער יידן האָבן געלעבט, געקעמפט אין די יאָרן פון גרויסן חורבן. די יזכור־ביכער זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַ סך געפיל און ליבע, און זענען זייער גוט אָפּגעשאַצט געוואָרן צוליב זייער רייכן אינהאַלט און דינען אַלס מצבה פאַר דער צעשטערטער אַלטער היים.

און טאַקע פון אָט די לאָקאַלע פאַריינען איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון אויפשטעלן איין צענטראַלן גראַנדיעזן מאָנומענט, וועלכער זאָל אַנטהאַלטן אין זיך די אַלע קולטורעלע ווערטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין לויף פון כמעט טויזנט־יאָריקן לעבן פון יידן אין וואָלין.

דער מאָנומענט וועט זיין אין דער פאָרם פון אַ „היכל וואָהלין“, און מיר האָפן, אַז שוין אין דער נאָענטסטער צייט זאָלן מיר קאָנען אָנהויבן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן.

אין דעם „היכל וואָהלין“ וועט זיין אַן אָנדענק־זאַל פאַר אַלע וואָלינער קהילות, וווּ מען וועט זיך קאָנען מתייחד זיין מיטן זכר פון די קדושיםביים ליכט פון אַ נר־תמיד, וואָס וועט דאָרטן ברענען צו זייער אָנדענק.

עס וועלן געזאַמלט ווערן אַלע אוצרות פון יידישער שאַפונג, אויף אַלע געביטן — רבנישע און וועלטלעכע ליטעראַטור, קונסט, מאַלעריי א. אַ., פון אַלע שטרעמונגען און ריכטונגען — אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן

וואָלינער יידישן לעבן. אויף אַ ספּעציעלער מאַפּע וועלן אויך ווערן אָנגעצייכנט אַלע שטעט און שטעטלעך, קליינע און גרויסע, אָן אונטערשייד, ווו עס האָבן זיך נאָר געפונען יידישע קהילות אין וואָלין.

דער „היכל־ווהלין" וועט אויך דינען אַלס צוזאַמענטרעף־פּונקט פאַר אַלע פאַריינען אין ישראל און אויסלאַנד, און פון דאָנען וועלן זיי אויסשפּרייטן זייער אַקטיוויטעט.

אויך וועט דער „היכל־ווהלין" דינען אַלס צענטער פאַר קולטור־אונטערנעמונגען, און באַזונדערס וועט געזאָרגט ווערן פאַר דעם יונגן דור, וועלכער דאַרף זיין צוגעבונדן צו אונדזער גלאָרייכער פאַרגאַנגענהייט און וויסן וועגן טראַגישן אומקום אין די שווידערלעכע היטלער־יאָרן.

אַ קאַרטאָטעקע פון אַלע וואָלינער יידן פון דער גאָרער וועלט וועט זיך געפינען אין דעם „היכל־ווהלין", און אירע אַדרעסן וועלן געבן אַ מעגלעכקייט צו שטיין מיט זיי אין נאָענטן קאָנטאַקט. אויך ווערט געפּלאַנט אַרויסצו־געבן אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע פון ייִדי־שן וואָלין, וועלכע וועט זיך אָן שום צווייפל שטיצן אויף די שוין־דערשינענע ביכער, ווי אויף די וועלכע וועלן נאָך דערשיינען, ביי דער מיטהילף פון דעם וועלט־פאַרבאַנד.

דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן, וועמענס צענטראַלע עס געפינט זיך אין יש־ראל, איז שוין טעטיק אין עטלעכע לענדער, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פראַנקרייך און אַרגענטינע, און ער וועט די־נען אַלס דאַך־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע וואָלי־נער פאַריינען. דער וועלט־פאַרבאַנד האָט פאַר זיך געשטעלט די הייליקע אויפגאַבע אויפ־צושטעלן דעם „היכל־ווהלין" מיט זיינע אינ־סטיטוציעס און אונטערנעמונגען.

דער וואַרעמער אָפּרוף פון די וואָלינער יידן אין דער גאָרער וועלט צו אונדזער פּלאַן און דער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן ער איז אויפ־גענומען געוואָרן אין אַלע קרייזן, גיט אונדז דעם מוט און גלויבן, אַז די מיטלען אויפ־צושטעלן דעם „היכל־ווהלין" וועלן געשאַפן ווערן אין דער נאָענטסטער צייט, כדי מיר זאָלן קאָנען אָנהויבן רעאַליזירן די דאָזיקע הייליקע אויפגאַבע.

צ. בערגער

# פון אַ פּאַרטיזאַנס איבערלעבונגען

איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון קאָוו־לער געטאָ, ווהין מ'האָט מיך צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ראַטנער יינגלעך געבראַכט אויף צוואַנגס־אַרבעט.

כ'האָב שוין מער נישט געקאָנט צוקוקן דעם פּיין, די ליידן, דעם הונגער און שרעק. צו פאַרלירן האָב איך גאָרנישט געהאַט אויסער מיינע אַכצן יאָר, דאַקעגן קען מיר געלונגען צו בלייבן לעבן און נקמה נעמען פאַר די אַלע, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אומשולדיק, פאַר די, וועלכע זענען אויסגע־גאַנגען פון הונגער און קרענק.

איך האָב מיך צוזאַמענגערעדט מיט מיין שכן און חבר אביגדור פיינטוך און ער האָט מסכים געווען מיט מיין געדאַנק. אויך ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, ער איז געווען קראַנק און האָט געפיבערט.

אויף צומאָרגנס זענען מיר נישט אַרויס צו דער אַרבעט און פאַרטאָג זיך געשטעלט אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין ראַטנע. פון ווייטנס איז אָנגעקומען אַ פורל, געשפּאַנט מיט אַ קליין פערדל און געטריבן פון אַן אַלטער פויערטע. איך בין צו צו איר און געפרעגט ווהין זי וואַרט (איך האָב גוט געקענט רעדן אוקראַיניש). זי האָט מיר געזאָגט, אַז קיין ביטשען און זי איז גרייט אונדז מיטנעמען, אויב מיר וועלן איר עפּעס געבן דערפאַר. איך האָב אַרויסגענומען אַ שאַכטל סאַכאַרין און איר דאָס געגעבן. געמיינט האָט זי אַז

מיר זענען צוויי שקצים פון ראטנע, וועלכע פאָרן אַהיים.

אביגדורן האָב איך אַוועקגעלייגט אין וואָגן און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער פויערטע און געשמועסט מיט איר. וועגן ענינים, וועלכע זענען איר געווען פאַרשטענדלעך. אַזוי פאַרנדיק, האָבן מיר זיך דערנענטערט צום דאָרף ביטשען. פון ווייטנס האָט זיך דערהערט דאָס גערויש פון מאָטאָציקלען און איך האָב באַמערקט, אַז אַ גרופע דייטשן דערנענטערט זיך צו אונדז.

כ'האָב אויף גיך אויפגעוועקט אביגדורן און אים געזאָגט ווי גרויס די סכנה איז. אַליין בין איך אַראָפגעשפרונגען פון וואָגן, אַראָפגעלאָפן פון שאָסיי און אַריין אין אַ פעלד, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט קאָרן און זיך אַוועקגעלייגט. איך האָב נאָך געהערט ווי אביגדור בעט זיך ביי זיי און ווי די פויערטע פאַרענטפערט זיך, אַז זי האָט נישט געוווסט, אַז מיר זענען יידן.

אביגדורן האָט מען מיט אַ פאָר וואָכן שפעטער דערמאָרדעט צוזאַמען מיט די יידן פון ביטשענער דאָרף.

ביינאַכט בין איך אָנגעקומען אַהיים. איך האָב שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר און גערופן: „מאַמע!".

די טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל איז געשטאַנען מיין מאַמע, וועמען איך האָב שוין אַ פאָר מאָנאַטן נישט געהאַט געזען.

איך בין צוגעלאָפן צו איר, זי האָט מיך צוגעדריקט צו איר האַרצן און מיך אַריינגענומען אין שטוב. איך האָב איר דערציילט פון אַלץ. זי האָט מיר געגעבן עפעס עסן און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. כ'האָב יעדעס מאָל געפילט ווי איר האַנט גלעט מיך. איך בין זיכער, אַז די מאַמע האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, נאָר געזעסן נעבן מיר און מיך געהיט. דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט וואָס כ'בין געשלאָפן רואיק, פון דאַן ביז היינט בין איך אַזוי רואיק נישט געשלאָפן.

פאַרטאָג האָט מיך די מאַמע אויפגעוועקט און צו מיר אַזוי געזאָגט: „קינד מיינס, דו מוזט פון דאַנען אַוועק, אונדזערע טעג זענען געציילטע, שיינדל איז שוין נישטאָ, שמואליק איז אַוועק מיט פייגעלען, ווער ווייסט ווו זיי זענען... דו גיי אַוועק אין דאָרף. אין וואַלד וועסטו לעבן בלייבן..."

כ'האָב געקוקט דער מאַמען אין די אויגן. איר געזיכט איז געווען צעאַקערט פון קנייטשן, יעדער קנייטש — אַ תהום פון צער. נאָר די אויגן, אירע בלויע אויגן זענען געווען רואיק ווי דער שפיגל פון אַ רואיקן ים און איר בליק האָט אַריינגעגאָסן רואיקייט אין מיין בלוט, אין מיין גאַנץ וועזן.

כ'האָב איינגעגראָבן מיין געזיכט אין איר שויס און געוויינט ווי אַ קליין קינד. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געוויינט.

„גיי, מיין קינד. דו וועסט לעבן בלייבן, איך וועל דיך היטן. פון מיינע האָר, פון מיינע אָדערן וועל איך פאַר דיר אַ פאַנצער מאַכן, אָבער געדענק: נקמה, נקמה זאָלסטו נעמען! נקמה פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט!"

אין צווייטן צימער זענען געזעסן מיינע צוויי שוועסטער, פריידע און פנינה, און שטיל געוויינט. זיי האָבן מורא געהאַט. אָ, גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ פחד זיי האָבן געהאַט! כ'האָב זיך צעקושט מיט זיי, זיך צעקושט מיט דער מאַמען, געגעבן אַ קוש די מזוזה און פאַרלאָזט די שטוב.

מיט הינטערגעסלעך בין איך אַוועק ביז רידז־סאָפאַנטשיע, אַרום די דריי בריקן, אופן וועג וואָס פירט צום דאָרף יאַקושי. פון דאַן הויבט זיך אָן דער וועג פון פיין, פון הונגער, פון פחד פאַר דעם אייגענעם שאָטן, פון ווערן געיאָגט ווי אַ קרעציקער הונט טעג און נעכט...

כ'בין אַליין אין וואַלד. סוף זומער. אַרום — אַ דערדריקנדיקע רואיקייט. דער אָוונט פאַלט צו, עס הערט זיך נאָר דער שטילער גערויש פון די פאַלנדיקע בלעטער. די שאָטנס ווערן לענגער און לענגער, ס'ווערט פינצטער אין

וואַלד. איך גיי טיפער אין וואַלד אַריין. וווּ־
הין? ווער וואַרט אויף מיר? ווער וויל, אַז
איך זאָל צו אים קומען?... דער עיקר איז —
נאָך אַ טאָג איבערגעלעבט, אפשר וועט מאָרגן
זיין בעסער. די ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך
דערנענטערט איינער צום אַנדערן און ווערן
פאַרוואַנדלט אין איין שוואַרצן מויער. כ׳האָב
נישט קיין מורא. אין וואַלד בין איך זיכער,
ביינאַכט גייט קיינער נישט אין וואַלד. איך
שפּאַר מיך אָן אין אַ בוים און פאַרזינק אין
געדאַנקען. וויפל צייט כ׳בין אַזוי געשטאַנען
ווייס איך נישט, נאָר ווען איך האָב אויפגע־
עפנט די אויגן, האָב איך פאַר מיר דערזען
אַ ווייסע פיגור, וואָס לייכט מיט אַ העל־גריי־
נעם ליכט. כ׳פיל ווי מיינע האָר שטעלן זיך
אויף און דאָס בלוט ווערט מיר פאַרגליווערט
אין די אָדערן. אַ מת! — איז מיר דורכגע־
לאָפן אַ געדאַנק און כ׳האָב זיך פון אָרט
נישט געקאָנט רירן. נאָר איין וואָרט האָט
זיך פון מיין מויל אַרויסגעריסן: „מ אַ מ ע!״.
איך בין זיכער ביז היינט, אַז כ׳האָב דערפילט
מיין מוטערס צאַרטע האַנט אויף מיין אַקסל
און זי האָט צו מיר געזאָגט: „קינד מיינס,
האָב נישט קיין מורא, איך בין מיט דיר!״
איך בין געוואָרן דרייסטער, דערנענטערט זיך
צו דער לייכטנדיקער פיגור און... דאָס איז
געווען אַ פאַרפוילטער בוים, וואָס האָט גע־
לויכטן אין דער פינצטער. אַרום אָט דעם
לויכטנדיקן בוים האָב איך אַ סך נעכט רואיק
געשלאָפן.

אַנהויב ווינטער. די ערד איז באַדעקט מיט
אַ ווייסן טוך. די פאַרזייטע פעלדער ליגן
רואיק אונטער דעם ווייסן צודעק און וואַרטן
אויפן פרילינג. אַך, ווי עס גלוסט זיך צו זיין
אַ קערנדל, ליגן רואיק און אויפשפּראָצן צו־
זאַמען מיט די זון־שטראַלן! אָבער איך טאָר
נישט טראַכטן. דער גלאַנץ פון ווייסן שניי
פאַרבלענדט די אויגן און טעמפּט־אָפּ די גע־
פילן, און איך מוז זיין אויף דער וואָך; איך
מוז ביז פאַרנאַכט צוקומען צו די הירניקער
סילצעס צו אַ באַקאַנטן פויער, אפשר וועט
ער מיר געבן אַ שטיקל ברויט און לאָזן אי־
בערנעכטיקן אַ פּאָר נעכט.

איך בין אַליין אין דעם ווייסן אַרום. דעם
דורשט שטיל איך מיט אַ הויפן שניי, אָבער
דער הונגער פּייניקט מיך ביז צום חלשן. שוין
אַ פּאָר טעג ווי איך האָב נישט פאַרזוכט קיין
שטיקל ברויט, אויסער אַ פּאָר זשוכלינעס
און ברוסניצעס, וואָס איך האָב געפונען אין
וואַלד.

אַזוי גיי איך און טראַכט: וואָס וועט זיין?
ווי דערלעב איך שוין אָנקומען צום פויער?
פּלוצים, ווי פון דער ערד, וואַקסן אויס צוויי
שקצים און שרייען: „אָט גייט אַ ייד!״ אין
איינעם פון זיי האָב איך דערקענט איוואַן
דעם משוגענעם. איך הויב אָן צו לויפן, מיט
די לעצטע כוחות אַנטלויף איך. כ׳באַדאַרף
נאָר אָנקומען צום וואַלד. איך לויף ביז איך
קום צו אַ ברייטן קאַנאַל. איבערשפּרונגען אים
איז אוממעגלעך, און אַ ברעט אָדער אַ בריקל
איז נישט צו זען. איך לויף אין דער לענג
פון קאַנאַל און ביידע שקצים לויפן נאָך מיר.
כ׳פיל ווי די כוחות פאַרלאָזן מיך, אַ קאַלטער
שווייס באַדעקט מיך, די קני בויגן זיך, אָט־
אָט פאַל איך אַנידער. „מאַמע! מאַמע!״ הויב
איך אָן צו שרייען אין די לעצטע מינוטן פון
פחד און שרעק, און, כ׳זע אַ פּאָר מעטער פון
מיר ליגט אַ ברעט איבערן קאַנאַל. איך לויף
אַרויף אויף דער ברעט, וואָס שאָקלט זיך,
כ׳בין אויף דער צווייטער זייט פון קאַנאַל,
גיב אַ צי צו מיר די ברעט און פאַל אַריין
אין קאַנאַל. ביידע שקצים שטייען פון יענער
זייט קאַנאַל מיט מעסערס אין די הענט און
לאַכן. איך קריך אַרויס פון וואַסער, איך בין
געראַטעוועט.

ציטערנדיק פון קעלט, אַ נאַסער, דאָס וואַ־
סער רינט פון מיר, גיי איך אין דער ריכטונג
צום פויער, וועמענס הויז איז שוין נישט
ווייט. אָונט־צייט בין איך אָנגעקומען צו זיין
שפּייכלער. כ׳קריך אַריין אין היי אויף דעם
בוידעם, כ׳טו־אויס מיינע קליידער, הענג זיי
אויף און ווער באַלד איינגעשלאָפן. איך פיל

ווי מיין מאַמע קומט און דעקט מיך צו:
„שלאָף, מיין קינד, איך היט דיך״.

פֿאַרטאָג, ווען דער פֿויער איז אַרויסגעקר־מען נעמען היי פֿאַר די בהמות און דערזען מיינע פֿאַרפֿרוירענע קליידער, האָט ער פֿאַר שרעק זיך איבערגעצלמט און שטיל געפֿרעגט: „ווער איז דאָרט?״ האָב איך אים געענט־פֿערט: „דאָס בין איך, יעקב, דוד גראַבאָווס ברודער״. דער פֿויער האָט גוט געקענט מיין ברודער דוד ע״ה און אים זייער ליב געהאַט. אין זיין זכות האָט ער אַראָפּגענומען מיינע פֿאַרפֿרוירענע קליידער, אַרויסגעבראַכט אַ טאָפּ מיט קאַרטאָפֿל און הייסע מילך, מיר געגעבן אַן אַנדער העמד און ווען מיינע קליי־דער זיינען טרוקן געוואָרן, האָט ער זיי מיר אַרויסגעבראַכט. ביינאַכט האָט ער מיר גע־געבן אַ ברויט און איך בין פֿון אים אַוועק. וווהין?

איך לעב נאָך און וואַנדער. די ציין אין מויל שאָקלען זיך. די יאָסלעס זענען גע־שוואָלן, איך בין פֿאַרצווייפֿלט: מען יאָגט מיך נאָך. מען טרייבט מיך פֿון יעדן פֿלאַץ. דאָס זיכערסטע אָרט איז דער וואַלד, און אַליין...

נעכטן האָב איך באַגעגנט מוניש זעמעלס צוויי קינדער, נאָקעטע ווי די מאַמע האָט זיי געבוירן; די פֿויערים האָבן ביי זיי צוגערויבט דאָס אָנטאָן. איינעם האָב איך אַוועקגעגעבן מיין העמד, דעם צווייטן די בלוזע און אַליין בין איך געבליבן מיט די הויזן, אַ רעקל, און... אַ שטריק.

כ׳גיי ווייטער, כ׳האָב נאָך אַ שטיקל ברויט, וואָס מיר איז פֿאַרבליבן פֿון דעם, וועלכן כ׳האָב געגנבעט ביי אַ פֿויער מיט אַ פֿאַר טעג פֿריער. און וואָס וועט זיין ווייטער? די עלטערן זענען שוין נישטאָ, די שוועסטער אויך נישט. די ברידער — ווער ווייסט צי זיי לעבן, צו וואָס דאַרף איך נאָך לעבן, ווערן געיאָגט און געפּלאָגט? אַ סך זענען אַוועק צוריק קיין ראטנע און זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן, צו די רוצחים אין די הענט. און איך? בעסער איך זאָל זיך אַליין אויפהענגען און נישט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די רוצחים. פֿאַר מיין קאָפּ וועט אַ רוצח נישט קריגן קיין קילאָ זאַלץ און אַ פֿלאַש בראָנפֿן — דער פּרייז פֿאַר אַ ייִדן. ניין! דאָס נישט! דאָ אין וואַלד ביי אַט דעם בוים, וואָס נישט איינמאָל האָב איך אויף זיינע צווייגן איבער־געשלאָפֿן די נאַכט, ער וועט זיין מיין מצבה, ער וועט צוזען מיין טויט.

אַט דער שטריק וועט היינט ענדיקן זיין אויפגאַבע. איך מאַך דעם שלייף, אַזוי פּשוט, און איך וועל פּטור ווערן פֿון שרעק, פֿון הונ־גער און פֿון די לייז, וואָס עסן מיין קאָפּ־פּער לעבעדיקערהייט און לאָזן מיך נישט צורו.

איך פֿאַרוואַרף דעם שטריק אויף אַ דיקן צווייג און איך פֿיל ווי עמעצער לייגט אַרויף אַ צאַרטע האַנט אויף מיין אַקסל. דאָס איז דאָך מיין מאַמעס האַנט! כ׳הער איר קול וואָס זאָגט צו מיר: „יעקב־לייבעלע מיין קינד, וואָס גייסטו טאָן? ווער וועט נקמה נעמען פֿאַר דעם אומשולדיק פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון דיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער? פֿאַר דעם אומשולדיק פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון די ראָטנער ייִדן, וועלכע זענען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אין די פּראַכאָדער זאַמדן?!״ כ׳האָב זיך אויסגעדרייט און פֿאַר מיר איז געשטאַנען אונישטשוק — פּאַראָסקעס זונדל פֿון יאַקושי. „דאָס ביסטו, יעקב? קום מיט מיר, מיר זענען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס גייען באַשטראָפֿן אַ דאָרף אַרום קאָברין, ווע־מענס איינוווינער אַרבעטן־מיט מיט די דיי־טשן און באַנדעראָווצעס. קום, איך וועל זאָגן, אַז דו ווייסט דעם וועג אַהין״. איך האָב דעם שטריק אַרומגעבונדן אַרום מיינע לענדן און בין אַוועק מיט אונישטשוקן.

דער קאָמאַנדיר האָט מיך אויסגעפֿרעגט ווער איך בין. צי ווייס איך דעם וועג דורך די וועלדער צו דעם דאָרף? אויב יאָ — איז ער גרייט מיך מיטצונעמען, נאָר ביז דאַן, אָבער נאָך דער אַקציע מוז איך זיי פֿאַרלאָזן, ווייל זיי נעמען נישט צו קיין קעמפֿער, וועל־כע האָבן נישט קיין געווער. כ׳האָב מסכים

געווען צו זיין פאַרשלאָג, דערווייל וועל איך זיכער זיין אַ פּאָר טעג מיט ברויט.

עטלעכע טעג זענען מיר געגאַנגען דורך וועלדער און בלאָטעס ביז מיר זענען אָנגעקומען פאַרטאָג צום דאָרף. די פּאַרטיזאַנער האָבן אַטאַקירט פון אַלע זייטן, פאַרברענט די הייזער, דערשאָסן די פאַרעטער און רוצחים, דערנאָך אָפּגעטראָטן אין וואַלד אַריין און זיך געזעצט אָפּרוען ביים ראַנד פון וואַלד.

קיין לאַנגע צייט איז נישט פאַריבער, ווי עס האָט אַ פלייץ־געטאָן אַ קוילן־פייער אויף אונדז. די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן לויפן טיפער אין וואַלד אַריין און איך מיט זיי. איך באַמערק ווי איין פאַרטיזאַן וואַרפט אַראָפּ פון זיינע פלייצעס אַ פולן זאַק. אין מיין מוח פליט דורך אַ געדאַנק: ברויט! איך לויף צוריק, די קוילן פליען נעבן מיר, כ׳ווייס, אַז דער טויט איז אַרום מיר, אָבער אָן ברויט איז דאָך אויך פאַר מיר דער טויט. נאָר איין תפילה איז ביי מיר אין מויל: „מאַמע, מאַמע! העלף מיר, איך וויל ברויט אויף אַ פּאָר טעג!״ איך הויב־אויף דעם זאַק, נעם אים אויף מיינע פלייצעס און לויף אין דער ריכטונג צו די פּאַרטיזאַנער טיפער אין וואַלד.

די שיסעריי ווערט וואָס אַמאָל קלענער. די דייטשן האָבן נישט געוואַגט אַריינצוגיין טיף אין וואַלד אַריין. דער קאָמאַנדיר גיט אַ באַפעל — שטיין בלייבן. אַלע שטעלן זיך אויס לויט זיין באַפעל. נאָר איך שטיי אין אַ זייט מיט אַ זאַק פול מיט ברויט און אָן געווער...

דער קאָמאַנדיר ווענדעט זיך צו איין קעמפער און פרעגט אים: „גרישאַ, ווו איז דער דינאַמיט?״ גרישאַ האָט אָנגעהויבן ציטערן און שטאַמלענדיק הָאט ער געזאָגט: „ער איז ביי מיר אַראָפּגעפאַלן ביים לויפן״. דער קאָמאַנדיר איז רויט געוואָרן פון כעס: „וואָס האָסטו געטאָן? אָן דינאַמיט זענען מיר דאָך פאַרלוירן!״

כ׳האָב דערפילט, ווי אויף דעם זאַק, וואָס איז אויף מיינע פלייצעס, וואַקסן אָן פליגלען. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם קאָמאַנדיר און געזאָגט: „אָט איז דער זאַק, וועלכן דער פּאַרטיזאַן האָט אַוועקגעוואָרפן״. דער קאָמאַנדיר איז צו צו גרישאַן, צוגענומען ביי אים די ביקס און געזאָגט אויפן קול: „אין אָט דער הייליקער שעה נעמען מיר צו אין אונדזערע רייען דעם נייעם פּאַרטיזאַן יעקב פייסאַכאָוויטש גראַבאָוו!״ און ער האָט אין מיינע הענט איבערגעגעבן די ביקס, „דו ביסט ווערט זי צו טראָגן און נישט ער״. אונישטשוק איז צו צו מיר און מיר האָבן זיך צעקושט.

איך האָב די ביקס צוגעדריקט צו מיין האַרצן, זי געגלעט און געקושט. „איך האָב אַ ביקס, מאַמע, כ׳האָב אַ ביקס! כ׳גיי דערפילן דיין צוואה! איך גיי נקמה נעמען!״

אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער האָב איך נקמה גענומען. מיין מאַמע איז שטענדיק געשטאַנען נעבן מיר און מיך געהיט און איך האָב דערפילט איר צוואה.

יעקב גראַבאָוו

# משפחה למדן

דאָס הויז פון ר׳ יהודה־לייב למדן, דער פאָטער פון באַוווסטן דיכטער יצחק למדן ז״ל, איז געווען אַ פּאַטריאַרכאַל־אָרטאָדאָקסיש הויז אין קליינעם וואָלינער שטעטל מלינאָוו, וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער סביבה.

איך האָב נישט בדעה דאָ אָפּצושאַצן די שאַפונגען פונעם דיכטער. דאָס וועלן טאָן ספּעציאַליסטן אויפן דאָזיקן געביט. איך וויל נאָר דערציילן אַביסל זכרונות וועגן יענעם הויז, אין וועלכן למדן איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

אין צענטער פון שטעטל איז געשטאַנען אַן אַלט הויז אין וועלכן עס האָט געהערשט תורה, חכמה און אָרנטלעכקייט, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דרך־ארץ און קולטור פון יידישן פאָלק.

דער ראש פון דער משפחה, ר׳ יהודה־לייב, איז געווען פון די חשובסטע פערזענלעכקייטן אין זיין קהילה. אַלע האָבן אים רעספּעקטירט. זיין הויז האָט צוגעצויגן אַלט און יונג. ווער עס האָט זיך געגרייט אַריינצוקומען אין דאָזיקן הויז, האָט צו דעם געדאַרפט ווי געהעריק זיך צוגרייטן, ד.ה. קומען מיט אַ גייסטיקן באַגאַזש.

אין פאַדערצימער איז געזעסן דער בעל־הבית ר׳ יהודה־לייב און שטענדיק זיך פאַרנומען מיט לערנען תורה, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין פרוי ליבע, וועלכע האָט געפירט



ביאליק (לינקס) און למדן
אויפן 16־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ציריך

די געשעפטן. ער האָט איינגעפירט באַשטימטע שעהן פאַר יעדן לימוד: עין־יעקב אין דער געהעריקער צייט, אַ בלאַט גמרא אין אַ באַשטימטער שעה, דאַוונען אין דער צייט און אויך עסן אין דער צייט. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן פּלאַנמעסיק און לויט אַ באַשטימטן סדר.

די זין און די טעכטער האָבן געלערנט די פּינקטלעכקייט פון זייער פאָטער. דער עלטערער זון משה האָט צוזאַמען מיטן יינגערן ברודער יצחק, געלערנט אַ בלאַט גמרא, ווי אויך תנ״ך און געקנעלט פרישמאַנען, אחד־העם און אַנדערע. אויך די טעכטער זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אויך זיי איז באַקאַנט געווען די רוסישע ליטעראַטור און ווער עס איז אַריינגעקומען אין הוי פון די למדנס, האָט זיך באַלד געפונען אין אַן אַטמאָספער פון גייסט און יידישן וויסן. נישט איינמאָל פלעגן זיך אַנטוויקלען דיסקוסיעס צווישן די זין מיטן פאָטער. די דאָזיקע דיסקוסיעס פלעגן זיך מערסטנטייל פאַרענדיקן אַזוי: „גוט, מיר ווילן לעבן, וועלן מיר זען ווער עס איז געווען גערעכט...״

דער שרייבער פון אָט די שורות, נאָכן צוריקקערן פון דער ישיבה אין ליטע קיין מלינאָוו, איז געוואָרן אַ סטאַבילער אריינגייער אין הויז פון די למדנס. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קולטור־אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין אָט דעם הויז. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ טייל פון דער משפחה, הייראַטנדיק מיט ר׳ יהודה־לייבס יינגסטער טאָכטער, מלכה.

מלינאָוו איז געלעגן אויפן וועג וואָס פירט פון לוצק קיין דובנאָ. די פאַרבייפאָרנדקע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי בורעמל, דאַווידאָווקע און אַנדערע, פלעגן זיך אָפּשטעלן אין מלינאָוו, כדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט ר׳ יהודה־לייבן. האַלטן זיך מיט אים אַן עצה, אָדער סתם זיך נאָכפרעגן וועגן זיין געזונט און וועגן געזונט פון זיין משפחה, זיך דערוויסן אַביסל נייעס פון דער וועלט און וואָס עס הערט זיך ביי אחינו בני ישראל אין דער גאָרער וועלט.

צו ר׳ יהודה־לייבן פלעגט מען ברענגען פאַרשידענע ענינים, כדי ער זאָל מיט זיין לויטערן פאַרשטאַנד זיי אויפקלערן, אויסגלייכן צווישן מענטשן. אפילו פויערים פון דער געגנט פלעגן קומען צו אים האַלטן אַן עצה וועגן זייערע פריוואַטע ענינים.

גרויס איז געווען די השפעה, וואָס ר׳ יהודה לייב האָט אויסגעאיבט אויף מלינאָוו און סביבה.

ר׳ יהודה־לייבס זון יצחק, איז געווען דער מוזיניק אין דער משפחה. אַלע האָבן אים

זייער ליב געהאַט און אים שטאַרק אָפּגעהיט. זייער אַ פלייסיקער איז ער געווען אין זיין לערנען און טיפזיניק אין זיינע געדאַנקען. גרויס איז געווען זיין דורשט נאָך וויסן. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַדעס, דאָרט האָט ער שטודירט. אומקערנדיק זיך צוריק אהיים, איז ער געוואָרן אַ לערער און אין דער זעלבער צייט געשריבן לידער און אַנדערע שאַפונגען.

עס איז נישט פאַריבער קיין לאַנגע צייט און יצחק למדן איז באַוווסט געוואָרן אַלס גרויסער דיכטער. ער איז מיט אַ גרופּע חלוצים עולה געווען פון לוצק מיט דער דריטער עליה, ווי אַ חלוץ קיין ארץ־ישראל.

ש. מאַנדעלקאָרן

# מיט חסידי אומות העולם

מיר זענען אַנוועזנד געווען אויף אַ קבלת־פנים, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דעם 9־טן מערץ ה.י. אין „בית־סוקולוב”, אין תל־אביב, פאַר די געסט — צוויי פרויען און אַ מאַן פון פוילן, וועלכע האָבן געראַטעוועט יידן אין די יאָרן פון גרויסן חורבן — אין די פינצטערע טעג, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּעאישן גיהנום.

ווער זענען די דריי „חסידים”, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע פאַמיליעס און האָבן אויסבאַהאַלטן און אַרויסגעראַטעוועט יידישע נפשות פון די בעסטיאַלישע נעגל פון דייטשן און אוקראַאינער?

ווינציק און זייער זעלטן זענען די מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל אָפּפערווילִיקייט אין די יאָרן 1941—44, ווען דאָס יידישע לעבן איז געווען הפקר, ווען אין אייראָפּעאישן ווילדן מענטשן־וואַלד און אויך אויף דער וואָלינער ערד, האָבן געבושעוועט צוזאַמען מיט די דייטשן, די אוקראַאינישע מערדער — די יורשים פון כמיעלניצקין און פעטליוראַן, און צוזאַמען מיט דער נאַצישער חיה געהאָלפן פאַרניכטן דעם וואונדערלעכן וואָלינער שבט און פאַרווירקלעכן דעם בעסטיאַלישן פּלאַן פון „אייראָפּאַ — יודענריין”.

און אַט אין אַ ישראלדיקן פרילינגס־אָוונט זיצן מיר אויף אַן אויפנאַמע פאַר די רעטער, צוזאַמען מיט זייערע געראַטעוועטע און פון אַלעמענס אויגן קאָן מען אַרויסלייענען די גרויסע פאַרערונג און אָפּשאַצונג פאַר אָט די דריי דערהויבענע געסט, ביי וועלכע, אין אַזעלכע פינצטערע טעג, מאָנאַטן און יאָרן, איז דער מענטשלעכער פונק אין זיי נישט פאַרלאָשן געוואָרן. זיי האָבן זיך געשטעלט אַלס העכסטע מענטשלעכע אויפגאַבע צו העלפן, מונטערן און ראַטעווען געיאָגטע און געפּלאָגטע דורך די נאַצישע חיות און זייערע אוקראַאינישע מיטהעלפער, אומשולדיקע יידישע מענטשן.

אַזעלכע מענטשן, חסידי אומות העולם, זענען פאַראַן גאָר ווייניק אין אונדזער דור, אין דור פון קאַלטער רציחה, מערדעריי, וואָס זיינס גלייכן איז אין דער מענטשלעכער גע שיכטע נישט פאַראַן. און אָט די דריי אַנגעהעריקע צום פוילישן פאָלק וועלן פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע.

די מעשים פון בריגידאַ קאָפּער זענען שוין פאַראייביקט געוואָרן אין דעם פנקס הזכרון לקהילה הקדושה פון האשטש. מיר דאַ ווילן זיך נאָר אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר איינצלהייטן פון איר פּערזאָן: אַ פרוי אין די עלטערע יאָרן, איר פּשוטקייט און האַרציקייט איז געווען צו מערקן אין די פּאָר ווערטער, וועלכע זי האָט געזאָגט אַלס ענטפער אויף דער וואַרעמער אויפנאַמע, וואָס מען האָט פאַר איר געמאַכט. יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון איר מויל, איז געווען פול מיט פיין און צער, ווייל דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז דאָך געווען פאַר איר אַזוי פּשוט און פאַר־

ספרית
המרכז

שטענדלעך. ווי האָט מען דען אַנדערש געקאָנט האַנדלען? און וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט בסך־הכל אַרויסגעראַטעוועט עטלעכע יידן: פרץ גאָלדשטיין, מאָטל געלמאַן און בערל גוטניק, געזאָרגט פאַר זיי און געפונען אַ זיכערן פלאַץ, ביז... די אוקראַאינישע מערדער האָבן אָנגעהויבן מאָרדן פוילישע בירגער, וועלכע האָבן געלעבט אין וואָלינער געגנט, און ווען זי האָט דערפילט אַז די ערד



בריגידאַ קאַפּאַר
איינע פון די חסידי אומות העולם

ברענט אונטער אירע פיס, האָט זי דריי משפּחות איינגעאָרדנט ביי אַן אוקראַאינישן פויער און אַליין איז זי אַוועק אין שטאָט אַריין. דער פויער האָט די דריי משפחות געהאַלטן ביי זיך אַ פּאָר טעג, און דערנאָך זענען זיי געווען געצוווּנגען זיך אומקערן אין שטאָט אַריין, אין געטאָ, דעם טויט אין די הענט. מיט די אובנדערמאָנטע דריי משפחות, איז אויך ביי דער פרוי בריגידאַ קאפער געווען די פרוי בתיה ווייסמאַן מיט איר מוטער, און ווען די פרוי קאפער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָרף, האָט זי די צוויי פרויען איינגעאָרדנט ביי אַ פויער, וועמענס פרוי איז געווען פון פוילישער אָפּשטאַמונג. ביי דעם פויער — סעראַטשוק האָט ער געהייסן — זענען די צוויי פרויען געווען ביז צו דער באַפרייאונג. זיי האָבן דערלעבט צו קומען קיין ישראל און ס׳איז פאַר זיי געווען דער גליקלעכסטער טאָג, ווען זיי האָבן געקאָנט, צוזאַמען מיט דעם בכבודיקן עולם, אויפנעמען זייער רעטערין, וואָס האָט דאָס געטאָן, ווייל אַזוי האָט איר דיקטירט איר ריינער געוויסן, ווייל אַזוי און נישט אַנדערש האָט איר דיקטירט איר פילנדיק האַרץ.

ביי פרצס „צוקאָפּנס ביים גוסס" ווײַלט אויס דער פּשוטער האַרציקער ייד צו זיין אין גיהנום אוןליידן צוזאַמען מיט אַלע, אַזוי האָבן אויך אָט די דריי „חסידי אומות העולם" מיט זייער אייגענעם ווילן אויסגעוויילט דעם נאַצישן גיהנום און אויסשטרעקנדיק צו יידן אַ וואַרעמע האַנט אין די שווערסטע מינוטן, האָבן זיי געשטעלט דאָס אייגענע לעבן אין שטענדיקער סכנה, די זעלבע סכנה וואָס האָט געלויערט אויף די פאַרפאָלגטע און גערודפטע יידן.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר געזעסן און אין זאַל האָט זיך געפילט דער שוידער פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. מען האָט געקאָנט פילן ווי די שכינה מיט אַ צעבראָכענעם פליגל באַוויינט צוזאַמען מיט אַלע אָנוועזנדיקע, אונדזערע אומגעקומענע שוועסטער און ברידער, מאַמעס און טאַטעס, וועמענסביינער עס וואַלגערן זיך אויף דער וואָלינער ערד און זענען צו קבר ישראל נישט געבראַכט געוואָרן.

די „חסידי אומות העולם" — פרוי בריגידאַ און פרוי פּאַוולאָווסקאַ פון וואַרשע, וועמענס אייגל געזיכט זאָגט עדות, אַז זי באַזיצט אַ גרויסע מענטשלעכע נשמה — זענען געווען טיף גערירט. מ׳האָט באַמערקט ווי אירע אויגן ווערן פייכט, זעענדיק דעם גרויסן אויסדרוק פון ליבשאַפט און פאַרערונג צו איר. צום סוף — דער דריטער גאַסט, דער פּשוטער פויער פון פוילישן דאָרף, האָט אויסגעדריקט זיין דאַנק פאַר דער אויפנאַמע מיט אויפריכטיקע האַרציקע ווערטער: „דאָס וואָס איך האָב געטאָן איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז יעדער

# קהילות:

## זכרונות פון זשיטאָמיר

ווי אין א חלום זע איך זשיטאָמיר, מיין געבוירן־שטאָט, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיי־נע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, ביז מיינע עלטערן האָבן זיך איבערגעצויגן קיין לעמבערג (דע־מאָלט עסטרייך).

איך דערמאָן זיך אין זשיטאָמיר פון די 80־קער און 90־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונ־דערט. דעמאָלט זענען די גאַסן געווען שטילע, ריינע און שיינע. איך געדענק די יידן פון יענער צייט, איבערהויפט די, וועלכע זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט מיין פאָטער יעקב הורביץ ז״ל, אין מסחר־ענינים און קהלשע דאגות סיי פון שטאָט און סיי פון דער פראָווינץ.

דערמאָנענדיק בלויז זשיטאָמיר, אַלס הויפט־שטאָט פון וואָלין, שטעלן זיך אַוועק פאַר מיינע אויגן אייניקע טיפּן יידן און רוסן פון פאַרשידענע שיכטן, איבערהויפט חברים־שי־לער, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט, צוזאַמען געלערנט, געאַרבעט, פאַרבראַכט.

פיל זכרונות זענען געוואָרן טיילווייז אָפּגע־ווישט אין פאַרלויף פון די יאָרן, אָבער נישט אָפּגעמעקט אינגאַנצן. עס געדענקען זיך מע־שיות און לעגענדעס פון אַלטע צייטן, וואָס זענען דערציילט געוואָרן וועגן אָנפאַל פון די טאָטאַרן אויף וואָלין אין 13־טן יאָרהונדערט, וועגן פאַרשידענע מאַכטן, וואָס האָבן גע־הערשט און זיך געביטן אין זשיטאָמיר ביז 1793, ווען פוילן איז צעטיילט געוואָרן דעם צווייטן מאָל אין די צייטן פון יעקאַטערינאַ די גרויסע, ווען די וואָלינער געגנט איז אַריבער פון פוילן צו רוסלאַנד און זשיטאָמיר איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפט־שטאָט פאַר וואָלין.

לויט ווי איך האָב פאַרשטאַנען איז זשיטאָ־מיר פון יענער צייט אָן געווען אין א מצב פון פּראָגרעס און בליאונג, זיך קענטיק פאַר־גרעסערט, אַנטוויקלט און האָט צוגעצויגן שרייבער, דיכטער, רבנים. ס׳זענען אַנטשטאַ־נען דרוקערייען און פיל אונטערנעמונגען מיט וועלכע די שטאָט קען זיך רימען. צווישן די פּערזענלעכקייטן זענען דערמאָנט געוואָרן תל־מידים פון בעל־שם־טוב, גרויסע עסקנים, באַ־וווסטע ציוניסטן און אַנדערע.

זשיטאָמירער יידן זענען געווען טראַדיציאָ־נעלע און אין 19־טן יאָרהונדערט האָבן זיי געגעבן זייערע קינדער אַלגעמיינע בילדונג און פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט עסקנים און געלערנטע. טראָץ דער דערציאונג אין די חדרים האָבן זיי געשיקט זייערע קינדער אין רוסישע שולן. אַזוי האָבן מיינע עלטערן אויך געהאַלטן דערציער און לערער אין שטוב, ביז די קינדער זענען דערוואַקסן און האָבן געלערנט תורה און אַלגעמיינע לימודים (זיי האָבן זיך עקזאַמינירט אַלס עקסטערנער אין גימנאַזיע). די לערער פלעגן זיך בייטן פון

---

מענטש, וועלכער האָט אַ פילנדיק הארץ, האָט דאָך אַזוי באַדאַרפט האַנדלען ווי איך. און ביי מיר רייסט זיך אַרויס אַ געשריי: „גאָט מיינער, ווי ווינציק מענטשן האָבן דאָן גע־האַט הערצער!״

עס איז געווען אַן אָוונט, אויף וועלכן מען האָט דערציילט פון דער צייט, ווען דער שטן האָט געבושעוועט און געצײלטע מענטשן האָ־בן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון צדיקים און אויב נישט נאָך העכער...

מיר וועלן זיי געדענקען און פאַרצייכענען זייערע נעמען ווי לייכטנדע שטערן אין אַ פינצטערער שטורמישער נאַכט.

ז. גראַבאָוו

צייט צו צייט, לויט דער עלטער און די ידיעות פון די שילערס. ווען איך בין שוין געווען דערוואַקסן, האָט מען גענומען פאַר מיר אַלס לערער דעם באַקאַנטן ישראל ביאַליק, א שוועסטער־קינד פון חיים נחמן ביאַליק, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר א גרויסן קענער און למדן. דעם לערערס ברודער, נחום ביאַליק, איז געווען מיין חבר און מירביידע צוזאַמען מיטן באַקאַנטן משה זילבערפאַרב פון ראָוונע (וועלכער איז שפּעטער געווען דער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין דער אוקראַינישער רעגירונג אין די יאָרן 1919־20). מיר האָבן אָפּגעגעבן דעם לעצטן עקזאַמען אַלס עקסטערנער צו ענדיקן די זשיטאָמירער גימנאַזיע.

פון אונדזער גרופּע חברים פון סוף פאַריק, יאָרהונדערט זענען מיר דריי געווען שטאַרק צוגעבונדן צו ישראל ביאַליק און באַווירקט דורך אים. נחום ביאַליק האָט שפּעטער שטודירט אַלס דאָקטאָר און האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פון דעם קאַרעסטשעווער רבי. ער האָט נאָכער אייניקע יאָרן געוווינט אין ראָוונע און זיך באַשעפטיקט אַלס דאָקטאָר־מעדיצין. דורך ישראל ביאַליק האָב איך זיך נאָענט באַקאַנט מיט חיים נחמן ביאַליק.

אין זשיטאָמיר האָט געוווינט א סוחר — ר׳ יעקב ביאַליק, אין דער פאָרשטאָט „נאָוואָסטראָיעני", אין איין הויז מיט זיין שותף ר׳ אהרן ווייסבאָרד, וועלכן מ׳האָט געגעבן א צונאָמען „מאַנאַווער". ער איז געווען א וואַלדסוחר און א גרויסער נגיד. ר׳ יעקב איז געווען א קנאַפּער גביר. זיינע זין האָבן געהאַלטן אין אַרענדע א לאַנדווירטשאַפט נעבן דעם דאָרף באַרי אין זשיטאָמירער געגנט און דערפון האָבן זיי זיך מפרנס געווען.

פלוצים איז אַרויס די גזירה פון דעם צאַר, וואָס האָט פאַרבאָטן יידן זיך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט און וווינען אויסער דעם תחום פון שטאָט. זיי האָבן אויף אַזאַ אופן פאַרלאָרן די פרנסה.

חיים נחמן ביאַליקס פאָטער איז געשטאָרבן און חיים נחמן, זייענדיק נאָך א קליין קינד, איז איבערגעגאַנגען וווינען צום זיידן ר׳ יעקב, וועלכער איז געווען א פרומער ייד און א תלמיד־חכם. דאָרטן האָט ער באַקומען די דערציאונג אין גייסט פון תורה און טראַדיציע. דער זיידע האָט געהאָפט, אַז דאָס אייניקל וועט זיין אַ גרויסער רב, און דערפאַר האָט ער אים געשיקט לערנען אין וואָלאָזשינער ישיבה, וועלכע האָט געשמט אין גאַנצן לאַנד. ער האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו דער ישיבה און מען פלעגט אים רופן דאָרט — „דער זשיטאָמירער".

זיינע לעבנס־באַדינגונגען זענען נישט געווען קיין לייכטע. ער פלעגט „עסן טעג", ווי אַלע ישיבה־בחורים אין יענע צייטן. אין טאָש האָט ער נישט געהאַט קיין פּרוטה.

ח. נ. ביאַליק האָט נישט געלערנט לאַנג אין וואָלאָזשין. אין 16 חדשים אַרום האָט ער פאַרלאָזט די ישיבה און איז געקומען קיין אָדעס. דאָ האָט ער זיך דערנענטערט צום קרייז פון משכילים און ציוניסטן און איז אײַנגיכן געוואָרן באַרימט מיט זיין באַוווסט ליד „אל הצפור", וואָס איז געוואָרן געשריבן אײַנעם סטיל פון לערמאָנטאָווס ליד „זאָג מיר צווייג פון פאַלעסטינע". דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צייטונג „פרדס", רעדאַגירט דורך י. ח. רבניצקי.

אַלס האָנאָראַר פאַרן ליד האָט ביאַליק באַקומען אַנשטאָט געלט — 10 ביכער מיט זיין ליד ער זאָל דאָס פאַרקויפן. איך האָב אויך ביי אים געקויפט איין בוך פאַר אַ רובל, ווען ער איז געקומען קיין זשיטאָמיר.

איך האָב דאַן אויך זוכה געווען צו באַקומען לעקציעס פון ח. נ. ביאַליק, אין פאַרלויף, בערך, פון 2 חדשים.

ביאַליק האָט אויף אַזאַ אופן זיך אומגעקערט צו זיין משפחה קיין זשיטאָמיר און האָט חתונה געהאַט פאַר מאַניע אַווערבוך, פון דעם שטעטל קאָראָסטישעוו, נעבן זשיטאָמיר, און איז געבליבן דאָרט וווינען. ער האָט געפּרווט ווערן, צוזאַמען מיט זיין קרוב ר׳ אהרן ראַפּאָפּאָרט, א וואַלד־סוחר. זיי ביידע האָבן נישט מצליח געווען אין מסחר און ביאַליק

האָט זיך איבערגעגעבן צום שרייבן און איז געוואָרן באַרימט אַלס דיכטער פון זיין דור, צום כבוד פאַר די זשיטאָמירער יידן.

ווינענדיק אַנטקעגן דעם האָלץ־סקאַלד פון גוטמאַן, וועלכן מ'האָט גערופן „אריה צאַפּ", וואָס איז געווען זייער א פשוטער מענטש, האָט ביאַליק זיך צוגעקוקט צו זיינע גענג און צו זיין אויפפירן זיך און האָט אים געשילדערט אין זיין ווערק אַלס „אריה בעל גוף". די גאַנצע שטאָט האָט געוווּסט, אַז ער איז דער העלד פון זיין דערציילונג.

אין יענע צייטן האָט מען אין די קרייזן פון די פאַרמעגלעכע מענטשן געלערנט א סך פראַנצויזיש. דאָס איז געווען דעמאָלט אין דער מאָדע. אויך איך און מיין שוועסטער ברכה האָבן געלערנט פראַנצויזיש ביי א לערער — פינקעלשטיין.

איין מאָל איז פאָרגעקומען א וויכוח צווישן מיין שוועסטער און דעם לערער. זי האָט זיך אויסגעדריקט קעגן אים נישט העפלעך אויף פראַנצויזיש און האָט אים באַליידיקט. ער האָט איר באַמערקט:

„צוליב דעם האָב איך דיך אויסגעלערנט רעדן פראַנצויזיש, אַז דו זאָלסט קענען זיך אויסדריקן קעגן מיר מיט אַזעלכע ווערטער?"

די באַמערקונג פון לערער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט געדולד פון א דערציער, האָט גוט געווירקט אויף דער שילערין. דער פאַקט איז דערציילט געוואָרן צווישן די חברים און מיר אַלע האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו שעצן דעם לערער, מיר האָבן אים ליב געהאַט.

אין יאָר 1899 האָט באַזוכט זשיטאָמיר דער באַוווּסטער אַגיטאַטאָר מאַסליאַנסקי און זיך פאַרהאַלטן דאָ צוויי חדשים, האַלטנדיק ציוניסטישע דרשות אין די שולן פון שטאָט. פיל מענטשן פלעגן גיין אים הערן און ער האָט צוגעצויגן א סך מענטשן צום ציוניזם. מיין לערער ישראל ביאַליק איז געוואָרן זיינער א „חסיד" און האָט געקענט אַלע זיינע דרשות אויף אויסנווייניק. ער האָט אויך אונדז, זיינע תלמידים, מיטגעצויגן הערן מאַסליאַנסקיס דרשות און מיר זענען אויך געוואָרן באַאיינפלוסט פון זיי.

איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז עס זענען געקומען צופיל מענטשן הערן אים און האָבן זיך געשטופּט אין בית המדרש. ס'איז געוואָרן א גרויסער רעש און קיינער האָט נישט געקענט איינשטילן די מענטשן.

אין דער צייט איז מאַסליאַנסקי געשטאַנען נעבן ארון־קודש גרייט אָנצוהייבן דרשענען. ער האָט א קלאַפּ געטאָן אין טיש און האָט געזאָגט מיט זיין שטאַרקער שטימע דעם פסוק: „הס כל בשר מפני ה', כי נעור ממעון קדשו" (חבקוק). דאָס געשריי פון מאַסליאַנסקי האָט מיטאַמאָל אַלעמען באַרואיקט.

צוליב מיין דינען אין רוסישן מיליטער האָב איך פאַרלאָזט זשיטאָמיר אין יאָר 1900.

מיינע פאַרבינדונגען מיט זשיטאָמיר האָבן זיך נישט איבערגעריסן. שטאַרקע פעדים האָבן מיך צוגעבונדן צו די פאַרגאַנגענע צייטן און איך האָב זיך געפילט ווי א זון פון דער שטאָט.

קישיניעווער פּאָגראָם האָט באַרירט און אויפגעשוידערט יעדן יידן און איבערהויפּט דאָס רוסישע יידנטום. אויך מיין שטאָט זשיטאָמיר האָט געטרונקען פון דעם ביטערן כוס. די אָפּקלאַנגען פון זשיטאָמירער פּאָגראָם האָבן אויפגעציטערט די יידן פון וואָלין און אוקראַינע בכלל. ביי אונדז אין שטוב האָט זיך געפילט א גרויסער טרויער און אַן אויפרעגונג. אויך צו אונדזער שטאָט האָט דערגרייכט די האַנט פון דעם רוצח.

אוי, ווו זענט איר יידן פון מיין שטאָט?

ווו זענען מיינע חברים און מיינע לערער?

מ. ח. האָראָוויץ

# פון זשיטאָמיר דורך אוזבעקיסטאַן און ראַוונע קיין ישראל

(יארן פון וואנדער און לייד)

זשיטאָמיר איז מיין געבוירן־שטאָט. ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָבן שוין דאָרט געהערשט די סאָוויעטן. מיין ערשטע דערציאונג האָב איך באַקומען אין א רוסישער שול. מיין יידישער אָפּשטאַם האָט זיך כמעט נישט געמערקט צווישן מיינע חברים אין שול, אַמערסטן נישט־יידן. אונדזער משפחה האָט ווייטער געפירט דעם פריערדיקן יידישן אַרטלעבן. ווי פאַר דער רעוואָלוציע, הגם מיין טאַטע איז געווען אַנגעשטעלט ביי דער נייער מאַכט אין „אָבלטאָרג" און איז געווען געצוווּנגען צו לעבן לויטן נייעם רעזשים. מיין שוועסטער פאַניע האָט געלערנט אין א שול פאַר יידישע קינדער. ס׳וווּנדערט מיך ביז היינט ווי אַזוי ס׳האָט בכלל געקענט דאָרט עקזיסטירן אַזאַ שול.

מיר האָבן געוווינט אויף מאָסקאָווסקאַיאַ 82, נישט ווייט פון אונדזערע קרובים. דאָס לעבן איז געווען רואיק און נאָרמאַל ביז האַלב 1941, ווען פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן א וועלט־מלחמה. עס זענען שוין דערגאַנגען ידיעות וועגן דער דייטשישער אינוואַזיע קיין רוסלאַנד און אַז אָט־אָט קומען זיי קיין זשיטאָמיר. ס׳האָט זיך אַנגעהויבן אַן עוואַקואַציע און א סך זענען זיך צעלאָפן פון שטאָט, מורא האָבנדיק פאַר די דייטשן. זשיטאָמירער יידן האָבן זיך עפּעס געשראָקן מער ווי אַלע אַנדערע.

דעם 22־טן יולי 1941, ווען די דייטשן האָבן שוין אויף אַן אמת באַדראָט זשיטאָמיר, זענען מיר אַנטלאָפן צוזאַמען מיט א סך אַנדערע פון שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיך נאָר האַנטזאַכן. מיר זענען איילנדיק צוגעקומען צו דער באַן און זיך געלאָזן אין טיף רוסלאַנד. כ׳בין אין ספק, צי נאָך אונדז האָבן נאָך יידן באַוויזן צו אַנטלויפן. די סאָוויעטישע מאַכט און מיליטער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אונטער דעם דרוק פון די דייטשן, וועלכע האָבן זי באַלד פאַרנומען.

כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען 13 יאָר. מיין טאַטע האָט זיך זייער געזאָרגט פאַרן גורל פון אונדזערע קרובים, פריינט און זשיטאָמירער יידן בכלל, וועלכע זענען פאַרבליבן ביי די דייטשן, נאָכדעם ווען מיר האָבן געהערט וועגן זייער אכזריותדיקער באַציאונג צו יידן. ס׳האָט אונדז פאַרקלעמט ביים האַרצן.

מיר האָבן זיך געשלעפּט און געוואַנדערט וואָכן־לאַנג ביז מ׳האָט אונדז געבראַכט קיין אוזבעקיסטאַן, וווּ מיר האָבן געדאַרפט זיך צופאַסן צום אַרט לעבן פון פליטים און האָבן נישט ווינציק געליטן אַלס אַזעלכע, און בפרט אַלס יידן, גאַנצע צוויי יאָר. ס׳איז אונדז געווען שווער און ביטער. פון זשיטאָמיר און אויך פון אונדזערע קרובים האָבן מיר גאָרנישט געהערט. ס׳זענען צו אונדז דערגאַנגען נישט־זיכערע אָבער עקשנותדיקע ידיעות וועגן רציחות, וואָס די דייטשן פירן אויס אויף יידן אין אַלע שטעט און שטעטלעך מיט דער הילף פון אוקראַאינישע רוצחים, אָבער ס׳איז נישט געקומען אויפן זינען, אַז אַזאַ אכזריותדיקע טאָטאַלע פאַרניכטונג פון יידן אין זייערע קהילות קומט טאַקע פאָר.

דערווייל האָט די צייט געטאָן אירס. די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, ווי אויך דער מאַנגל אין לעבנס־פּראָדוקטן, האָבן איבערגעלאָזן סימנים: קראַנקהייטן און דערשעפּונג פון כוחות. אין פאַרלויף פון איין יאָר האָבן מיר פאַרלאָרן אונדזערע עלטערן, וועלכע האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה פון הונגער אוןליידן.

איך און מיינע שוועסטער זענען פאַרבליבן יתומים אין א פרעמדער סביבה. מ׳קען זיך פאָרשטעלן ווי שווער ס׳איז געווען אונדזער לאַגע און ווי ביטער אונדזער גורל.

אין 1944 זענען צו אונדז אָנגעקומען ידיעות וועגן אַרויסטרייבן די דייטשן פון די אָקופּירטע רוסישן געביטן. נישט זייענדיק זיכער אפילו צי זשיטאָמיר איז שוין באַפרייט פון די אָקופּאַנטן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צוריקקערן אין אונדזער שטאָט מיט אַ האָפענונג צו טרעפן עמיצן פון דער משפחה, ווייל גרויס איז געווען די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים.

מיר וואַנדערן אויפסניי אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען איבער די ברייטע שטחים פון צעשטערטן רוסלאַנד און אוקראַינע, ביז מיר קומען אָן קיין זשיטאָמיר. פרייד און צער צוזאַמען האָבן אונדז באַהערשט ווען מיר זענען געקומען אין שטאָט. מיר האָבן געפונען חורבות, שמוץ און א גרויסע באַוועגונג פון רוסישן מיליטער. אַלץ פרעמד, אַרום און אַרום — אומבאַקאַנטע, און דער עיקר — זשיטאָמיר אָן יידן. מיר זענען אַרומגעגאַנגען זוכן א באַקאַנטן, א קרוב, אָבער קיינעם האָבן מיר נישט געפונען. אַלץ צעשטערט, אַלע זענען אומגעקומען און מיר האָבן געבלאָנקעט עלנטע און פאַרשטויסענע אויף פרעמדער, מערדערישער ערד.

אַזוי גייענדיק פאַרצווייפלטע איבער די זשיטאָמירער גאַסן זענען מיר אָנגעקומען ביז צו אונדזער הויז, וווּ מיר זענען געבוירן געוואָרן און געלעבט. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן מיר שטיל אָנגעקלונגען אין דער טיר. אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן א רוסישע פרוי און אויף איר פראַגע וואָס מיר ווילן, האָבן מיר איר דערקלערט, אַז דאָס איז דאָס הויז פון אונדזערע עלטערן. די פרוי האָט קורץ און שאַרף אויסגערופן, אַז זי ווייסט נישט און קען נישט קיינעם. מיר האָבן נאָך באַוויזן צו זען דורך דער אָפענער טיר אין צימער אונדזער מעבל, אָבער די טיר איז פאַר אונדז באַלד פאַרהאַקט געוואָרן.

מיט צעבראָכענע הערצער זענען מיר וויינענדיק אַוועק, געווײנט מיט טרערן פון ווייטיק. וווהין זאָלן מיר גיין? צו וועמען זיך ווענדן? צום סוף האָבן מיר אויסגעזוכט דעם „אַבלטאַרג”. מיר האָבן דערציילט, אַז אונדזער פאָטער איז דאָרט געווען א באַאַמטער און געשילדערט אונדזער לאַגע. מ'האָט אויף אונדז רחמנות געהאַט און געגעבן צוויי שיינען צו פאָרן אין ראָוונע אין אַן אַנשטאַלט פון א האַנדלס־שול.

אין דער שול האָט מען אונדז אויפגענומען און מיר האָבן דאָרט באַקומען עסן, וווינונג און לערנען גלייך מיט אַנדערע קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. מיר האָבן ביסלעכווייז זיך צוגעפאַסט, אָבער נישט איין מאָל פלעגט אונדז אָנכאַפּן א בענקשאַפט צו אונדזער שטוב, צו א יידישער סביבה. מיר זענען אָבער געווען געצוווּנגען צו דערשטיקן אין זיך דאָס דאַזיקע געפיל.

די צייט איז געלאָפן. מיר זענען עלטער געוואָרן, זיך צוגעווינט צום גורל. ס'האָבן זיך באַוויזן אין ראָוונע יידן, וועלכע ס'איז געווען שווער צו דערקענען אַלס אַזעלכע. מיר האָבן פאַרלאָזן די שול און אויפגעשטעלט משפחות. איך בין פאַרבליבן 12 יאָר אין ראָוונע ביז מיר איז געלונגען צו קומען קיין פוילן. נאָך א קורצער צייט און לאַנגע האָפענונגען האָב איך זוכה געווען זיך דערשלאָגן מיט מיין מאַן און אונדזערע צוויי זין קיין ישראל. דאָ האָבן מיר פונדאַסניי אָנגעהויבן א יידיש לעבן, אין אונדזער לאַנד.

דובה גוז (חרחוי)



# כאַדאַקי

אין דער צייט פון צאַרישן רעזשים איז כאַדאַקי געווען אַ קליין זייטיק שטעטל אין אָברוטשער געגנט אין וואָלין, נישט ווייט פון קיעווער גובערניע. פון כאַדאַקי ביז קאָראָס־טין — לערך 12 וויאָרסט, און ביז נאַראַדיטש, אַ שטעטל פון למדנים און רבנים — 30 וויאָרסט.

אַדמיניסטראַטיוו איז כאַדאַקי געווען רע־גיסטרירט אַלס דאָרף צוליבן דאָרטיקן רייכן סוחר ר' ברוך דיין און זיינע זין, וועלכע האָבן געפירט אַ גרויס האַנדלס־געשעפט און באַזאָרגט די גאַנצע באַפעלקערונג פון כאַדאַ־קי און סביבה. זיי האָבן זיך באַמיט, אַז כאַ־דאַקי זאָל פאַרבלייבן אַלס דאָרף, ווו יידן טאָרן זיך נישט באַזעצן (לויט די דעמאָלטי־קע געזעצן).

כאַדאַקי האָט געדינט אַלס צענטער פאַר די אַרומיקע דערפער, פון וועלכע יידן האָבן גע־צויגן היונה. ס'איז צו באַצייכענען, אַז די באַציאונגען צווישן די יידן און דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג (רוסן — אוקראַאינער) זענען געווען נאָרמאַלע.

אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט געציילט דאָס שטעטל בערך 2000 נפשות, פון זיי לערך 500 יידן. בראש פון דער קהילה איז געשטאַנען דער רב יחזקאל קאַצמאַן ז"ל, דער שוחט ר' צבי און שמשים, וועלכע זענען צוזאַמען געווען די כלי־קודש פון כאַדאַקי. עס האָט עקזיסטירט אַ חברה קדישא מיט גבאים, אַ בית־מרחץ און מקוה א.אַ. אַנ־שטאָלטן, ווי געוויינלעך אין יידישע קהילות.

די קינדער האָבן באַקומען זייער דערצי־אונג אין חדרים פון אַמאָליקן טיפ. די מלמ־דים —דרדקי זענען געווען ר' אברהם גרינ־שפון א.אַ. עלטערע יינגלעך האָבן געלערנט גמרא ביי ר' שמואל וואָלפין פון נאַראַדיטש. פון חדר זענען די קינדער אַרויס לערנען מלאכות, עטלעכע זענען אויך געפאָרן לער־נען אין שטעט. געציילטע האָבן זיך געלאָזן ווייט, עמיגרירט, זוכנדיק גליק. אין נאָענטן דאָרף קאָלינסק איז געווען אַן אוורוטשער לע־רערין, זלאַטע אַרקיס (איצט זהבה אורי, פון די גרינדער פון נהלל אין ישראל). מ'געדענקט נאָך איר דערציאונגס־טעטיקייט אויך אין כאַ־דאַקי און דעם חנוכה־אוונט, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט אין יאָר תרע"א (1911).

צווישן די פרייוויליקע צום יידישן לעגיאָן (הגדוד העברי הראשון) איז געווען מענדל מאַלינסקי, פון די תלמידים פון ר' ניסן וואָל־פין, וועלכער איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון אַרגענטינע. אין די יאָרן פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה האָבן כאַדאַקער יידן גע־ליטן פון מאַנגל אין עסנוואַרג און פון אַנדערע צרות. נאָכן קריג האָט זיך פאַרשטאַרקט די שנאה פון אוקראַאינער צו די יידן, מיט אַלע אירע בלוטיקע אויסדרוקן.

די איבערקערעניש אין רוסלאַנד אין 1917 האָט געענדערט דעם שטייגער פון יידישן לעבן אין שטעטל. די רעוואָלוציע האָט אריינ־געבראַכט אַן אויפברויז. עס האָבן זיך גע־בילדעט לעגאַלע פאַרטייען וועלכע האָבן באַ־איינפלוסט די יוגנט. ס'האָט זיך אויך גע־בילדעט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָבער זי האָט קיין סך נישט אויפגעטאָן. די רציחות און פאַגראָמען פון די פעטליוראָווצעס און אַנדערע באַנדעס, האָבן געצוווּנגען יידן צו זוכן וועגן צו אַנטלויפן, ווער קיין אַמעריקע, ווער קיין ארץ־ישראל. בפרט האָבן יידן גע־שטרעבט קיין ארץ־ישראל, אָבער קריגן אַ סערטיפיקאַט איז געווען ווי קריעת ים־סוף.

אַלס טעטיקער ציוניסט, בין איך געווען געצוווּנגען צו עמיגרירן קיין אַרגענטינע, מיט דער כוונה צו דערגרייכן פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. זייענדיק אין אַרגענטינע האָב איך, צוזאַמען מיט אָרטיקע ציוניסטן, געגרינ־דעט דעם „החלוץ", אויפגעשטעלט דעם קלוב „מועדון עברי ע"ש ביאליק" און פאַרשטאַרקט די ציוניסטישע טעטיקייט אין בוענאָס איי־

רעס בכלל. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האָב איך עולה געווען, זיך בטייליקט אין בויען ארץ־ישראל און פאַרבליבן אַ בירגער פון מדינת ישראל.

לויט די טרויעריקע ידיעות פון וואָלין, האָבן די נאַציס פאַרניכטעט די יידן אין כאַדאַקי אין די יאָרן תש״א—תש״ב (1941־2). יחידים, וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען דורך פאַרשידענע וועגן און געלעגנהייטן, געפינען זיך אין רוסלאַנד אָדער זענען צעשפרייט איוף דער גאָרער וועלט.

י. בן־ארצי (וואלפין)

# קאַפּיל

קאַפּיל איז אַ שטעטל ביים בוג, וואָס איז געווען באַוווינט פון אוקראַינער, יידן און פּאָלאַקן. לויט דער יידיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע בראָקהאוז־עפרון, זענען געווען אין קאַפּיל אין 1847 סך־הכל 1170 נפשות, און בעת דער ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין 1837 — 4333 נפשות, פון זיי 2727 יידן. פּאָלאַקן האָבן זיך באַזעצט אין קאַפּיל נאָר אין איצטיקן יאָרהונדערט. ערב דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געלעבט אין שטעטל בערך 1400 משפחות. די יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין צענטער און די פּאָלאַקן אין דער אַזוי־גערופענער „פּאָליאַנקע״.

קאַפּיל געהערט צום סטאַראָקאָנסטאַנטינאָווער קרייז און געפינט זיך 60 וויאָרסט פון איר, 30 וויאָרסט פון וואָלאָטשיסק און פון קראַסילאָוו, און אַ 43 וויאָרסט פון פּראָסקוראָוו. די נאָענטסטע אייזנבאַן־סטאַציע איז געווען וויטאָווצי, בערך 12 קילאָמעטער פון קאַפּיל.

די באַפעלקערונג פון שטעטל האָט געלעבט רואיק ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. די יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט תבואה־האַנדל און אַנדערע האָבן געמאַכט אַ לעבן פון האַנטווערקעריי, ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען אין יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע.

געלערנט האָבן די קינדער פון שטעטל אין חדרים, ביי די מלמדים יוסף קראַוועץ, קויפּצי סטאָליאַר, יעקב־מיכל זיסוס א.אַ., און ביי די גמרא־מלמדים און לערער׳ס משה פּאַרטיס, איציק דער לערער א.אַ.. מען איז אויך געפאָרן לערנען אין סטאַראָקאָנסטאַנטין, פּראָסקוראָוו און אין אַנדערע שטעט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס שטעטל שטאַרק געליטן פון מאָביליזירונג צו מיליטער, אַרבעטלאָזיקייט און פּרנסה־לאָזיקייט. צו דעם אַלעם זענען נאָך צוגעקומען קיין קאַפּיל פּליטים מיט זייערע פאַמיליעס פון די אַרומיקע דערפער, ווי פּיסאַרעווקע, בראָניקע, בוסנאָווקע א.אַ.וו. נישט קוקנדיק אויף דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע האָט מען זיך געטיילט מיט די ניי־אָנגעקומענע מיט דעם לעצטן שטיקל ברויט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער עמיגראַציע־שטראָם פון קאַפּיל קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, אָדער אַרגענטינע. אין ראַטשעסטער האָבן זיך איינגעאָרדנט אַ 30 קאַפּילער משפחות און האָבן דאָרט אפילו אויפגעשטעלט אַן אייגענע שול. אין ניו־יאָרק געפינען זיך אַ סך קאַפּילער משפחות, וועלכע האָבן עמיגרירט נאָך אין 1905/6, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראַינע.

דער „בונד״ און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין קאַפּיל האָבן קאָנקורירט צווישן זיך און זיך אַרומגעריסן ביי יעדער געלעגנהייט. נאָך דער רעוואָלוציע האָבן זיך אָרגאַניזירט יוגנט־באַוועגונגען און געפירט אַ לעגאַלע טעטיקייט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַנייט, ס׳האָט זיך געבילדעט דער „החלוץ״ און פון זיינע רייען איז עולה גע־

ספרי
המרכז לה

ווען קיין ארץ־ישראל אַ היבשע צאָל יוגנט און עטלעכע אַקטיווע ציוניסטן פון שטעטל. פון די אַנגעזעענע ציוניסטן זענען געווען יצחק מאיר רייזמאַן, מאַשל רייזמאַן, משה קיטיי, יצחק ברון. פון די אַנגעזעענע כלל־טוערס און ראשי־הקהל, מיט כלי־קודש — משה מאַרגוליס, יוסף קוזדוי, דוד צורף, דער חזן משה רובמאַן, יצחק־מאיר און אַנדערע. די הויפט־פערזענלעכקייטן פון דער קהילה זענען געווען: דער לאַנג־יאָריקער רב ר׳ לייב גלעזער, וועלכער איז געווען שטאַרק גע־שעצט; נאָך אים, אין 1914, האָט דאָס שטעטל געוויילט אויף זיין פלאַץ — זיין זון ר׳ יצחק מאיר.

די יאָרן 20—1918 זענען געווען שווערע און ביטערע. די מאַכט האָט זיך געביטן פון צייט צו צייט. עס האָבן געהערשט אוקראַי־נער, פּאָלאַקן, באָלשעוויקעס און סתם האַלב־מיליטערישע באַנדעס און רויבער, וועלכע פלעגן אַנוואַרפן שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. בפרט האָבן יידן געליטן פון וואַנדערנדיקע גרופּן, בעיקר מיליטערישע, וועלכע פלעגן רויבן און הרגענען יידן. ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַריבערגעפאָרן קיין לעמבערג, אָדער אַן אַנדער שטאָט און אויך קיין אַמע־ריקע. ווען מען ס׳איז געלונגען צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל, איז געווען גליקלעך; פון די זענען עטלעכע צוריקגעקו־מען נאָך אַ צייט קיין קאָפּיל און האָבן זיך באַמיט צופּאַסן זיך צום סאָוויעטישן רעזשים.

עס זענען געווען צייטן, ווען קאָפּיל איז אַריבער פון האַנט צו האַנט און עס האָט פּאַ־סירט, אז אין שטעטל איז בכלל נישט געווען קיין מאַכט. געווען א פאַל, ווען דאָס שטעטל איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון פּוי־לישן מיליטער. אין שטעטל טשאַן (טעאַפּיפּול) איז געשטאַנען א פּוילישער פּאָלק. איין מאָל, געווען איז דאָס שבת, זענען 3 פּוילישע סאָל־דאַטן געקומען קיין קאָפּיל, זיך גוט אָנגע־זויפט ביי א פּוילישן קרעטשמער און אַרויס־גייענדיק אין גאַס האָבן זיי אַריינגעשאָסן אין

א יידישער שטוב. ס׳איז געוואָרן א טומל, אָבער באַלד זענען אָנגעקומען עטלעכע יידישע בחורים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, און זיי האָבן גוט אָנגעבראָכן די ביינער דעם שיכּור. דער צווייטער איז געלאָפן זוכן הילף ביי דער פּוילישער אָפיציר פון שטעטל. דעם געפאַלענעם אין חלשות פּאָליאַק האָט אָוועקגעפירט א גויאיש פורל צום אַפּ־טייק נאָך הילף. די אָפיציר, דערזעענדיק דעם צושטאַנד פון צעשלאָגענעם, האָט אָנגע־הויבן שעלטן די יידן און העצן קעגן זיי. אָבער דער קסיאָנדז האָט זיך אַריינגעמישט און דערקלערט, אַז ער האָט געזען דאָס אויפ־פירן זיך פון די סאָלדאַטן און פאַרטיידיקט די יידן.

דערווייל איז דער סאָלדאַט געקומען א ביסל צו זיך און ער איז מיט דער הילף פון זיינע חברים צוריקגעפאָרן צו זיין פּאָלק. די יידן פון קאָפּיל זענען שוין געווען אומרואיק און א גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. און טאַקע צומאָרגנס, זונטיק פרי, איז אין שטעטל אַראָפּ־געקומען אַן אָפּטיילונג פון פּוילישע סאָלדאַטן און מ׳האָט געהייסן אַלע יידן זיך אויסשטעלן אויפן מאַרק. און דאָ איז אַרויסגעקומען דער קאַטוילישער גלח און האָט פאַר די עלטסטע אויפגעקלערט וואָס ס׳איז געשען און ער האָט באַרעכטיקט די יידן פאַר זייער אויפפירונג. צום גליק האָט זיך דער עפּיזאָד פאַרענדיקט מיט אויסקויף־געלט; יידן האָבן געגעבן די פּאָליאַקן א שיינע מתנה און זיי זענען אַוועק צוריק.

אין 20־1919 איז אָנגעקומען די רויטע אַרמיי אין שטעטל און פייערלעך צוגעזאָגט די יידן פרייהייט און גלייכהייט. אָבער ביז די ביר־גערלעכע מאַכט איז אָנגעקומען און זיך באַ־פעסטיקט, האָבן נאָך די יידן פון קאָפּיל אַדורכגעלעבט נישט איין פּאָגראָם. בעת איי־נעם אַזאַ אָנפאַל זענען געהרגעט געוואָרן צוויי יידן: ר׳ אייזיק רודיק און א ייד מיטן נאָמען וויצמאַן פון דאָרף בובניקע. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען זוכן שוץ אין די פאָרויס־צוגע־

גרייטע קעלערס, אין די אכסניות, אין באָד און אין אַנדערע פּלעצער.

דער מאַרק־טאָג, וועלכער פלעגט פאַרקומען יעדן דינסטיק אין קאָפּיל, פלעגט זיין א טאָג פון פּחד פאַר די יידן. נישט איינמאָל פלעגט מען זען גיין פּויערים מיט ליידיקע זעק גרייט צו רויבן. אויך פלעגן זייער אָפט אויסברעכן שריפות אין שטעטל, ווייל די הייזער זענען געווען פון האָלץ און געדעקט מיט שטרוי, און נישט איין משפחה פלעגט זיך פלוצים זען אויף דער גאַס נאָך אַזאַ שריפה. דאָס יידישע לעבן אין יענער צייט איז געווען הפקר. אָבער די יידישע יוגנט איז געשטאַנען אויף דער וואָך אין די יידישע געסלעך און מיט מסירות־נפש אָפּגעהיט דאָס יידישע לעבן, דאָס ביסל האָב־און־גוטס.

א. מעלמאַן

# און נאָך וועגן קאָפּיל

קאָפּיל, אונדזער שטעטל, האָט נישט געהאַט די זכיה זיך אויסצוצייכענען מיט ספּעציעלע מעלות. דאַכט זיך, אַ שטעטל ענלעך צו אַ סך אַנדערע ישובים פון וואָלין, וואָס אין זיי האָבן די יידן געוועבט זייער גרוי לעבן אין משך פון דורות.

די יידן, וואָס זענען געווינט געוואָרן צו יסורים, זענען צוגעטראָטן צו דער נייער מאַכט מיט דערמוטיקונג, מיט האָפענונגען. ביסלעכווייז איז איינגעשטעלט געוואָרן די סאָוויעטישע אָרדענונג — פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך. אין קאָפּיל האָט די סאָוויעטישע מאַכט געפונען אונטערשטיצער, צי ווייל זיי האָבן געגלויבט אין דער מאַכט, אָדער אַנדערע, וואָס האָבן געהאָפט צו קריגן אַן אַנהאַלט, צו מאַכן אַ קאַריערע.

דער יידישער ישוב איז געטראָפן געוואָרן אין הינזיכט פון פּרנסה, אָבער מ'האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דער אָרדענונג פון דער רעגירונג. די יוגנט איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דורך פּראָפּאַגאַנדע, דורך אויפרופן און דורך דרוק אויף פאַרשידענע אופנים.

מען האָט אָפּגעשאַפט די „חדרים". אין קאָפּיל זענען די לערן־אַנשטאַלטן איבערגעגאַנגען אין אינסטיטוציעס פון יידישער דערציאונג לויט דעם סיסטעם פון די יעווסעקן און אין דעם גייסט פון דעם „קאָמסאָמאָל". אַ נייע געזאַנג איז געהערט געוואָרן אין קאָפּיל. אויב וועער פון די קינדער, וואָס האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין די רייען פונעם „קאָמסאָמאָל", האָט מען אים חושד געווען אין אומטרייהייט צו דער מאַכט און פאַררעכנט פאַר אַ חטא, לייען: ציוניזם, רעאַקציע.

מיר, די נאַציאָנאַלע יוגנט, האָבן געהיט אונדזער גלויבן און האָבן פאַרגעזעצט די אַקטיוויטעט פון ציוניזם און אַפילו געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט צענטערן. פאַרשטייט זיך, — מיט פאָרזיכטיקייט. מ'האָט זיך שטאַרק געהיט. אַזוי האָט זיך עס געצויגן דריי יאָר, ביזן אָנהויב פון 1924, ווען מען האָט אָנגעהויבן אונדז רודפן און אפילו אַרעסטירן אונדזערע חברים.

באין ברירה זענען מיר אַריבער אין אונטערגרונט און פאַרגעזעצט ציוניסטישע אַרבעט. אמת, מיר זענען געשלאָגן געוואָרן דורך דער מאַכט, אָבער ס'איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער ציוניסטישער פונק אין אונדזער שטעטל.

אין יענער צייט איז איינגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד דער באַוווסטער „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק), וואָס האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף דעם לעבן פון די יידן אין קאָפּיל. איז קיין ווונדער נישט, וואָס דאָס שטעטל האָט געהאַלטן אין אויסליידיקן זיך פון זיינע יידן.

אין איינעם פון די טעג איז דערגרייכט

# צו די וואָלינער לאַנדסלייט אין דער וועלט

טײַערע ברידער!

צוויי צענדליק יאָר זענען פאַריבער זינט דאָס פּראַכטפולע וואָלינער יידנטום איז אכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן. צווישן די קרבנות פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע געפינען זיך אויך אייערע קרובים און פריינט, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען אפילו קומען צו קבר ישראל און מען האָט פאַר זיי קיין מצבה נישט אויפגעשטעלט. נאָכמער, די נאַציס און זייערע מיטהעלפער פון אַלע מינים האָבן פאַרניכטעט און אָפּגעווישט אַ סך ברידער־קברים פון די קדושים; זיי האָבן געשענדעט און צעשטערט די בתי־קברות און צעבראָכן די מצבות, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן במשך פון דורות. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי פאַרווישן און אָפּמעקן אײַנגאַנצן דעם זכר און דעם עבר פון די יידן אויף דער וואָלינער ערד.

דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום, זיין גייסט, קולטור און פאַרגאַנגענהייט, זיינע גדולים, גאונים, שעפער, עסקנים און פאָלקסמענטשן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן, גיט יעדן די מעגלעכקייט פערזענלעך צו פאַראייביקן זיינע קרובים־קדושים, זיינע פריינט און אַנדערע נפטרים דורך אַ סימבאָלישער מצבה אינעם „היכל וואָלין", וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן אין ישראל.

אויף אַ פאַראייביקונגס־בלאַט (דף הנצחה), געדרוקט אין דער פאָרם פון אַ סימבאָלישער מצבה, קען יעדער איינער פאַרצייכענען די נעמען פון די קדושים און פאַרשטאָרבענע, וועלכע ער וויל פאַראייביקן מיט פאַרשידענע פרטים וועגן זיי. די דאָזיקע בלעטער וועלן איינגעפאַסט ווערן אין אַנטשפּרעכנדע פאַרן דאָזיקן צוועק אַלבומען (לויט די קהילות און שטעט), וואָס וועלן אָפּגעהיט ווערן אין א ספּעציעלן זאַל פונעם „היכל וואָלין", וווּ ס׳וועט ברענען א נר־תמיד און יעדער וועט קענען זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון זיינע קדושים און נאָענטע. די דאָזיקע בלעטער וועלן דינען לזכרון עולם פאַר פרט און כלל און פאַר די קומענדיקע דורות, ווי אויך אַלס סימבאָלישע מצבה במקום דער שטיינערנער מצבה, וועלכע איז נישט געשטעלט, אָדער איז צעשטערט געוואָרן.

טייערער ברודער און פריינט, דאָס בלוט פון אונדזערע וואָלינער קדושים שרייט צו אונדז פון דער ערד. דו ווערסט גערופן אויפשטעלן א סימבאָלישע מצבה פאַר דיינע נאָענטע, וועלכע זענען שוין מער נישטאָ. שליס זיך אָן צו דער מחנה פון די, וועלכע דערפילן זייער חוב לגבי דעם אָנדענק פון זייערע קרובים און פריינט.

צו דעם צוועק דאַרפסטו אויספילן, ריין און דייטלעך, דעם אונטערשטן קופאָן און ווי אַמשנעלסטן אים אַריינשיקן צו אונדז אויפן אַדרעס: איגוד עולמי של יוצאי ווהלין, תל־אביב, שד׳ רוטשילד 30, ת. ד. 1186.

אונדזער ביוראָ איז טעטיק יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין די שעהן פון 6.30 ביז 9.30 אָוונט.

מיט פריינטלעכן גרוס

**פאַרוואַלטונג פון וואָלינער**
**וועלט־פאַרבאַנד**

## וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט, צענטראַלע אין ישראל

תל־אביב, רחוב אנטוקולסקי 15 (דירת צ. ברגר) ת.ד. 242.

### א רוף צו ברידער וואָלינער לאַנדסלייט.

טייערע ברידער!

דער גורל האָט געוואָלט און וואָלין איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקע שאַפונגס־צענטערן פון אונזער פאָלקס־נשמה, וווּ סהאָט זיך געשטאַרקט איהר גייסט. דאָרט איז די אויפלעבונגס־בענקשאַפט פערוואַנדלט געוואָרן אין א לעבנס־שטייגער, דאָרט זיינען אויפגעשטאַנען גרויסע וויזיאָנערן און רעאַליזירער פון אונזער אויפקום און דאָרט האָט אויפגעלעבט די העברעאישע שפּראַך, איהר ליטעראַטור און געדאַנקען־וועלטן.

דער גורל האָט געוואָלט און מיר זיינען דאָרט־אין וואָלין־געבוירן, געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן און מיר זיינען געווען די פאָלקס־אונטערשטיצונג אין די אויפלעבונגס־טעג, פאַרכאַפּטע דורכן פלאַטער פון גאולה־געדאַנק, באַהערשט דורך זיין וויזיע און דורך דער פאַרעהרונג פון זיינע וויזיאָנערן.

ס׳זיינען פאַריבער פיל יאָרן און די אַלע וועלכע האָבן פון אירע וויזיע־קוואַלן געטרונקען האָבן וואָלין פאַרגעסן. יעצט זיינען נור מיר אַליין פאַרבליבן צו אויפשטעלן פאַר וואָלין א אָנדענק פאַר די קומענדע דורות, זיי זאָלן זיך ניט אָפּרייסן פון זייער שאַפונגס־קוואַל, זיי זאָלן איהר געדענקען ווי די וויגעלע פון פאָלקס־גייסט.

וואָלין איז געווען א גרויסער מענטשליכער נסיון, וועלכער האָט דערוויזן דאָס דער מענטשליכער געדאַנק האָט, שטורמענדיק א ווייטע היימלאַנד, געזיגט און זי באַהערשט, און זי־די היימלאַנד — האָט באַהערשט דאָס פאָלק. וואָלין איז דערום ראוי פאַראייביגט ווערן אַלס היסטאָרישער פּאַרמעסט, וועלכער דערהויבט דעם מענטשליכן גייסט און ווערט, פון וועלכן מיר און אונזערע קינדער וועלן שעפּן כח צוביישטיין נסיונות, דורך וועלכע מיר וועלן נאָך אפשר געפּרובט ווערין אין די גורל־באַדינגונגען פון אונזער מדינה און איהר לאַגע צווישן די פעלקער און פון וועלכע סוועלן שעפּן מוט אַלע אונטערדריקטע און באַפרייענדיקע זיך פון יאָך מענטשן.

וואָלין איז ווערט דאָס איהרע נכסים זאָלן אויפגעזאַמעלט ווערן פאַר די דורות. ווער זשע זאָל דאָס טאָן? אויף אונז ברידער איז געפאַלן דער חוב דאָס אויספירן, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין.

דער וועלט־פאַרבאַנד פון די וואָלינער לאַנדסלייט האָט דערום גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויפצושטעלן דעם „היכל וואָלין״, וועלכער וועט דינען אַלס צענטער פאַר אַלע וואָלינער, וועלכע לעבן אין דער גאַרער וועלט און אַלס זאַמעלפּלאַץ פאַר די קולטור אוצרות, וועלכע זיינען אין וואָלין געשאַפן געוואָרן. אין דעם היכל וועט געפירט ווערן א קאַרטאָטעקע פון אַלע וואָלינער לאַנדסלייט אין דער גאַנצער וועלט, כדי פאַרשטויסענע און דערווייטערטע דורך צייט און גרענעצן ברידער זאָלן קענען זיך קעגנזייטיק אויפזוכן.

אין „היכל וואָלין״ וועט אויפגעשטעלט ווערן א דענקמאָל פאַר די קדושים פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע פון אַלע 160 וואָלינער קהילות און טוועט דאָרט ברענען א נר־תמיד צו זייער אָנדענק. דורך דעם „היכל וואָלין״ וועט דערמעגליכט ווערן צו פאַראייביקן אויף פאַרשידענע אופנים פּערזאָנען, גרופּעס, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, יעדער וואָלינער וועט קענען פאַראייביקן אַלע זיינע

## צום וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט

שדרות רוטשילד 30, ת. ד. 1186, תל־אביב

וועלנדיק אויפשטעלן אַ סימבאָלישע מצבה צום אָנדענק פון מיינע אומגעקומענע און פאַרשטאָרבענע קרובים און פריינט, בעט איך פאַרצייכענען אויף אַ פּאַראייביקונגס־בלאַט (דף הנצחה) אינעם אַלבום צום אָנדענק פון די קדושים פון .......... די פאָלגנדע קדושים:

| נאָמען און פאַמיליע | נעמען פון זיינע עלטערן | עלטער | דאַטע פון יאָרצייט | ווו אומגעקומען | קרובהשאַפט |
|---|---|---|---|---|---|
| .1 | | | | | |
| .2 | | | | | |
| .3 | | | | | |
| .4 | | | | | |
| .5 | | | | | |
| .6 | | | | | |

פּרטים פונעם פאַראייביקער:

| נאָמען און פאַרמיליע | נאָמען פון די עלטערן | ווען און ווו געבוירן | גענויער איצטיקער אַדרעס |
|---|---|---|---|
| | | | |

אַנדערע פּרטים:

אָרט ........ דאַטע ........ 1964 אונטערשריפט

אומגעקומענע קדושים אויף א ספעציעלן הנצחה־בלאט אין געמיינזאמען יזכור אלבום פון זיין קהילה. סוועט אויך, אויפן סמך פון די שוין דערשינענע און די וועלכע וועלן נאך דערשינען יזכור־ביכער, ארויסגעגעבן ווערן א ענציקלאפעדיע פון וואלין, באארבעט דורך היסטאריקער און וויסענשאפטלער.
מיר וועלן דארפן טון אלץ כדי דער „היכל־וואלין" זאל צוציען און פאראינ־טערעסירן אויך דעם יונגן דור און אזוי ארום וועלן מיר דערנענטערן אונזערע קינדער צו אונזער גייסטיקער ירושה זיי זאלן פארזעצן די גאלדענע קייט פון דורות.

טייערער ברודער, טייערע שוועסטער! מיר רופן דיך צו פארטראכטן זיך אויף א מינוט, זיך אומקערן צו דיין אפשטאם־ארט, א בליק טון צוריק מיט כבוד, און ביישטייערן צו דער גרויסער אקציע, וועלכע זאל בעשיינען דעם נאמען און זכר פון וואלין, וועלכע זאל דערמאנען דיינע קינדער דיין אפשטאם־קוואל און זיין פראכט, שליס זיך אן אין די רייען פון די אקטיווע אויספירער פון דעם אויבנדערמאנטן פלאן, זאל זיך יעדערער פון אונז זען פארפליכטעט צו באטייליקן אין דער גרויסער פאראייביקונגס־אקציע.

לויטן באשלוס פון פארבאנד־ראט (וועלכער באשטייט פון פארשטייער פון די וואלינער לאנדסמאנשאפטן און קאמיטעטן) ווענדן מיר זיך צו דיר און בעטן צו באשטייערן זיך, אויף א ענטשפרעכענדער צו דער גרויסער אויפגאבע סומע, וועלכע דו קענסט אויך באצאלן אין ראטעס.

שיק אריין דיין דעקלאראציע צוזאמען מיט דיין באשטייערונגס־סומע (אדער מיט אראטע אויפן חשבון פון דער באשטייערונג) און דערפיל דיין חוב מיט כבוד.

## לייג צו ציגעל צום בנין פון „היכל וואלין"

מיט פריינטליכן ברודערליכן גרוס

**וועלט-פארבאנד פון וואלינער לאנדסלייט**

תל־אביב, יוני 1963

---

צום

וועלט — פארבאנד פון וואלינער לאנדסלייט תל־אביב

### דעקלאראציע

איך ......................... אדרעס: .........................

באשטייער זיך אויף א סומע פון.....................לירעס (מיט ווערטער) .....................

אויפן פאנד פון „היכל וואלין" צו פאראייביקן דער אנדענק פון וואלינער יודענטום און זיינע גייסט — אוצרות.

אויפן חשבון פון דער אויבענדערמאנטער באשטייערונג צאל איך איין דערביי

די סומע פון.....................ל"י אין מזומן / מיט א טשעק נומער.....................

ארט און דאטע.....................

חתימה

.....................

געוואָרן צו אונדז אַן אויפרוף פון אַ ציוניסטישן צענטער, אַן אומלעגאַלן, אַז מען זאָל שיקן קיין מאָסקווע כוחות אויף פאַרשידענע אַקטיוויטעטן, און מיר האָבן באַלד געענטפערט: ס'איז געפאַלן דער גורל אויף מיר און נאָך אַ צווייטן חבר פון די רייען פון „השומר הצעיר".

ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע, בסודי סודות, זענען מיר צוגעצויגן געוואָרן צו אַ קליינער קאָמונע און איינגעשטעלט געוואָרן אין אַרבעט פון אונטערגרונט־אַקטיוויטעט אינעם צענטער. די אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַרן. אין אַ צייט אַרום איז אַנטדעקט געוואָרן די אַרבעט פונעם מרכז און אַ צאָל פון אונדזערע אַקטיווע חברים זענען אַרעסטירט געוואָרן און איך אויך צווישן זיי.

נאָכן אָפּזיצן חדשים אין תפיסה איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פסק־דין — צו פאַרשיקן אונדז אין אַ וויסטעניש אויף יאָרן. לאַנג, לאַנג איז געווען אונדזער וועג קיין קאַלימאַ, אין סיביר. כ'מח זיך מודה זיין, אַז מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן נאָך אַמאָל אויסגעלייזט ווערן פון דעם דאָזיקן לעבן. אָבער די האָפענונג איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן פון אונדזערע הערצער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן אונדזער שטעטל און וועגן חלום פון ציון. און מיר האָבן סוף־סוף זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן, און ס'איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אונדזער נאַציאָנאַלער חלום און איצט זענען מיר פרייע מענטשן אין אונדזער היימלאַנד, אין דער פרייער מדינת ישראל.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון אונדזער גלות, איז פאַר אונדז אַנטדעקט געוואָרן דאָס שוידערלעכע בילד און די ביטערע פאַקטן, — אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז אומגעקומען. מען האָט אונדז דערציילט וועגן די דייטשן, זייערע אכזריותן אין די פערציקער יאָרן, דערצו דאָס אָנשליסן זיך פון די אוקראַינער, וועלכע האָבן נאָך איבערגעשטיגן די נאַציס אין זייער ברוטאַליטעט און רציחה.

עדות גיבן איבער, אַז אין דער צייט פון דער גרויסער שחיטה אויף יידן אין קאָפּיל, איידער זיי האָבן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן אומגעבראַכט דעם רבין, אין חודש תשרי תש"ג, האָבן אַלע, די מערסטע פון שטעטל, זיך באַטייליקט. צוערשט האָט מען אים אַרעסטירט און געפייניקט פאַר אַלעמען אין ד' אויגן, ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. די יידן האָבן מקבר געווען זייער רבינס גוף נעבן דער שול און זענען געגאַנגען צו די גריבער, וואָס מ'האָט פאַר זיי צוגעגרייט אין בעלענוויץ. דאָרטן רוען זיי אין אַ בשותּפותדיקן ברודער־קבר, ווי די קדושים פון קאָפּיל.

דער יום הזכרון פון די קדושי קאָפּיל איז ג' תשרי, וואָס איז איינגעקריצט אין די הערצער פון די „יוצאי־קופּיל" אין ישראל און אין די תפוצות.

ט. פערלשטיין

## מאַציעוו, מיין פאַרטיליקט שטעטל

מאַציעוו, מיין קליין שטעטעלע, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, ווו איך האָב איינגעזאַפּט די לופט פון פעלד און דעם ריח פון וואַלד. מאַציעוו, וואָס טונקט זיך אין גרינס, אַרומגערינגלט פון געדיכטע וועלדער מיט הויכע סאָסנע־ביימער און ברייט־צעצווייגטע דעמבעס. דאָס אַלץ איז ביי מיר אַזוי איינגעקריצט אין האַרצן, אַז נאָך היינט, דוכט זיך מיר, אָטעם איך פון יענער דערפרישנדיקער וואַלד־לופט.

דאָס יידישע מאַציעוו איז נישטאָ מער. די הייזער זענען באַרויבט און פאַרברענט געוואָרן און די מענטשן — פאַרניכטעט. אין דעם פרוכט־גאָרטן אין שטעטל ווו די יוגנט איז געגאַנגען שפּאַצירן, אין דאָזיקן שיינעם ווינקל, צווישן די ביימער וואָס האָבן באַ־

פוצט די סביבה, ביים סטאַוו, זענען די מענ־טשן פון שטעטל בעסטיאַליש דערמאָרדעט און דאָרט באַגראָבן געוואָרן.

די רואיקע און תמימותדיקע, זויבערע און טייערע מענטשן פון מאַציעוו — די גאַנצע הייליקע עדה איז פאַרשניטן געוואָרן, אַרויס־געריסן פון וואָרצל. פאַרוויסט און אויסגע־טרוקנט איז געוואָרן דער ליבער קוואַל וואָס האָט געשטראָמט און דערמוטיקט אונדז דאָ, אין לאַנד. מאַציעוו איז געוואָרן פאַרטיליקט און אָפּגעמעקט פון דער ערד, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן מאַסן־קבר.

ווען כ'טראַכט וועגן דעם, כאַפּט מיך אַרום אַ שודער. טרויעריקע געדאַנקען פילן אָן מיין מוח. שאָטנס שוועבן פאַר מיינע אויגן, ווערן פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע געשטאַלטן — יידן מיט באַזילבערטע בערד און קינדער מיט וועלכע מ'איז, אין פינצטערע ווינטער־נעכט, געגאַנגען מיט לאַמטערנעס אין די הענט אין חדר אַריין.

און אָט באַווייזן זיך די טייערע עלטערן און די גאַנצע משפחה. עס דוכט זיך דיר, אַז דו זיצסט אין דער וואַרעמער שטוב, וואָס איז אָנגעפּולט מיט שטראַלענדיקער ליכט אין די שבת־ און יום־טוב־טעג. דו דערמאָנסט זיך ווי דער טאַטע האָט דיר געגלעט דאָס בעקל און ווי די מאַמע האָט דיך אויפן שויס גע־האַלטן.

יעדעס מאָל, ווען איך גיי־צו ביינאַכט צו די בעטן פון מיינע קינדער און איך זע ווי זיי שלאָפן זייער רואיקן שלאָף, דערמאָן איך מיר אין די קינדער פון מיינע שוועסטער, וועלכע זענען אויך אַמאָל אַזוי רואיק גע־שלאָפן און געחלומט זיסע חלומות. אויך זיי־ערע עלטערן האָבן, אַזוי ווי איך, געקוקט אויף זיי און געשעפּט פון זיי נחת.

אָבער, צו אונדזער אומגליק, איז פון יענע מאַציעווער קינדער אפילו קיין איינס נישט פאַרבליבן. אַלע זענען זיי פאַרטיליקט גע־וואָרן. די קברים זענען פאַרווישט געוואָרן און אויף זיי וואַקסן געדיכטע גראָזן.

זייערע געשטאַלטן פאַרפאָלגן מיך, טרעטן פון מיר נישט אָפּ. ניין, איך וויל נישט אַז זיי זאָלן פון מיר אָפּטרעטן. אייביק וויל איך זיי האָבן נעבן זיך, אין זיך — אייביק! אַ גאַנץ לעבן זאָלט איר מיך באַגלייטן, איר לויטערע, הייליקע נשמות...

איך דערמאָן זיך, ווען מיר פלעגן אַמאָל, אין לבנה־נעכט, שפּאַצירן אין שיינעם ווינקל ביים סטאַוו און זינגען „מה יפים הלילות בכנען"... מיר האָבן געטרוימט צו שפּאַצירן אין אַזעלכע נעכט דאָ, אין כנען...

...דאָס ליד איז אויף אייביק איבערגעריסן געוואָרן, אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן. זיי האָבן נישט זוכה געווען צו זיין מיט אונדז דאָ, צו זען די נעכט אין כנען, צו פילן זייער קעלט, צו געניסן פון זייער לויטערקייט.

און אויף דעם טוט וויי מיין האַרץ. נישטאָ קיין טרייסט פאַר מיר.

י. כץ




אין מרתף השואה, אויפן הר־ציון, ירושלים

ספרית "יד ושם"
המרכז להוראת השואה
מרחב ה   והמרכז
גבעתיים

# בעלאַזאַרקע

ווען איך רעד וועגן דיר — דערמאָן איך זיך דיין אויסזען.

אין די נעכט דערשיינסטו פאַר מיינע אויגן מיט דיין פשוטקייט און שיינקייט. איך זע דיינע הייזער, די קליינע, באַשיידענע, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער פאָרם פון אַ האַלב־קײלעכדיקן בויגן און אַרומגערינגלט דעם מאַרק; איך זע דיינע גאַסן און געסלעך. אָט איז דער וועג, וואָס פירט צום פּאַלאַץ; אָט שטייט די בריק, וואָס הענגט אויפן טייכל. אויף די ברעגן פון טייכל שטייען אַלטע, פעסטע דובאָוועביימער, אויף וועלכע פייגעלעך בויען זייערע נעסטן און זייער געזאַנג ווערט נישט איבערגעריסן.

דער וועג צו דער ציגעלניע. פעלדער מיט געבענטשטן קאָרן. הויכע פולע זאַנגען בויגן זיך פון ווינט, זיי בוקן זיך און שטייען אויף. אַ בלויער ריינער הימל. פייגעלעך לאָזן זיך הערן פון נאָענטע ביימער און דו שטייסט פאַרכאַפּט פון התפעלות.

בערגלעך און טאָלן. צווישן די קוסטעס שלאָגט אַ וואַסער־קוואַל, ריין ווי קריסטאָל. טשאַטעס פייגעלעך קומען צום קוואַל זיך טובלען פרי און אָונטס.

נישט ווייט בליט דער גרינער גאָרטן, דער גאָרטן, פון וועלכן עס הערן זיך קולות פון יונגע שפּאַצירער. איך זע זיי צווישן די דיקע ביימער, ווי זיי רעדן, לאַכן און פאַרברענגען אין גרופּן און פּאָרלעך. צוזאַמען מיט זיי לאַכט פריילעך אויך די זון...

אויך אין באַלאָניע פליסט דאָס טייכל און ווערבע־ביימער וואַקסן אויף זיינע ברעגן. אַ ברייטער שטח באַדעקט מיט גרינעם גראָז. די אויגן שליסן זיך פון זיסער מאַטערניש פון דער נאַטור־שיינקייט.

ווען די אויגן עפענען זיך און דו ווערסט צוריק וואַך, דערמאָנסטו זיך אין אַ פרייטיקדיקן טאָג אין שטעטל: די קלייטן שליסן זיך און יידן גייען, אָדער קערן זיך צוריק, פון מרחץ לכבוד שבת. דער מאַרק ווערט ריין, לייכטער באַשיינען די טישן אין יעדער יידישער שטוב. די נשמה יתירה קומט אַראָפּ.

„אין שול אַריין", — שרייט אויס יום־טובדיק דער אַלטער שמש, שטייענדיק אין צענטער פון שטעטל. נאָך אַביסל און פון די שולן הערט זיך „לכו נרננה", — ס'איז שבת אין בעלאָזערקע.

ווינטער־צייט שטייסטו אויף אויפן פרימאָרגן. אַ טיפער שניי אין גאַס, ער באַדעקט דעם דאַך. דער הימל פאַרוואָלקנט, קאַלט און אַביסל אומעטיק. אָבער באַלד ווערט דער הימל קלאָר און אין אָונט צינדן זיך אָן פיל שטערן אויפן הימל איבער בעלאָזאַרקע.

יאָרנלאַנג האָבן יידן דאָ געלעבט, געטרוימט, געהאָפט, געשאַפן, דערצויגן חלוצים, אין פרייד און אין לייד, ביז דער עמלק פון אונדזער דור איז אויפגעשטאַנען און אומגעבראַכט די עלטערן מיט די קינדער, אַלט און יונג. נישטאָ מער דאָס יידישע בעלאָזאַרקע.

איך זע די קוימענס פון די צעשטערטע, פאַרברענטע געביידעס; יידישע שטיבער, בתי מדרשים, די ערד האָט איינגעזאַפּט דאָס יידישע בלוט. עס הערט זיך שוין מער נישט „לכו נרננה", מען צינדט שוין נישט מער קיין שבת־ליכט; נישטאָ ווער עס זאָל גיין אין שול, ווער זאָל צינדן ליכט, ווער זאָל זיך גרייטן אַלס חלוצים קיין ארץ־ישראל. חורבן אומעטום, טויט־שטילקייט. אַ טרויעריקער רעגן גיסט ווי ער וואָלט באַוויינט די אומגעקומענע — אונדזערע קדושים.

אַ פינצטערע נאַכט, מען זעט נישט קיין שטערן אין הימל. די נאַטור קלאָגט־מיט אויפן אומקום פון דער יידישער האַרציקער בעלאָזאַרקע.

י. שמר (שערמאַן)

# מלינאָוו — בורעמעל אין די רעוואָלוציע־טעג

יאָר 1918. די האָניק־חדשים פון דער פאָליטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד זענען פאַריבער. אַלע לאָזונגען פון פרייהייט פאַר אַלע בירגער האָבן געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז. נייע לידער פון אַלטן שניט האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן אין סטיל פון צאַרישן רעזשים: „מאָרדעט יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד". די רעוואָלוציע האָט כמעט נישט געענדערט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער פאַרסמטער אוקראַאינישער באַפעלקערונג לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין וואָלין. די שנאה פון די קאָזאַקן צו די יידן האָט נישט נאָכגעלאָזן. יעדער טראָט זייערער איבער די יידישע ישובים פון וואָלין, איז געצייכנט געוואָרן מיט יידיש בלוט.

דעריבער האָט די יוגנט אין אַ סך שטעטלעך אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ און אויך די יוגנט פון מלינאָוו האָט אַזוי געטאָן.

אין דעם נאָענטן שטעטל בורעמל האָט געוווינט אַ לערער פון העברעאיש, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער תרבות־שול. זיין נאָמען איז געווען אליעזר האָכבערג. אַליין איז ער געווען אַ געבוירענער אין מלינאָוו, און באַקאַנט איז ער געווען אַלס אַ לערער אַן אידעאַליסט, וועלכער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע, האַלטנדיק, אַז ס׳זענען שוין פאַריבער די פאַרשקלאָפונגס־צייטן און די רוסישע מאַסן האָבן שוין זוכה געווען צו אַ נייער עפּאָכע, און אויך די יידן וועלן זען אַ ליכט־שיין פאַר זיך. אַ פאַרשיכורטער פון אָט־די געדאַנקען, איז דער לערער אליעזר האָכבערג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון מלינאָוו, און ווען עס פלעגט קומען אַ באַרימטער רעדנער קיין דובנאָ, פלעגט ער גיין צופוס, כדי אים צו הערן און איינצוזאַפּן די נייע תורה.

אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט איז אין טריסקער שטיבל אַריינגעקומען חיים־לייב דער סטאָליער און האָט אַ דערשראָקענער געזאָגט, אַז אין דער נאָענט פון דאָרף פּיאַן האָבן די קאָזאַקן דערמאָרדעט אַ ייד און זיין טויטער קערפּער ליגט ביים ראַנד פון וואַלד. ווי אַ דונער אין אַ העלן טאָג איז די ידיעה אַראָפּגעפאַלן אויף די קעפּ פון די מלינאָווער יידן. קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דער ידיעה. אָבער באַלד האָט



דער לערער אליעזר האָכבערג ז״ל פון בורעמעל

זיך דערהערט אַ שטימע: מען דאַרף זיך דערוויסן ווער עס איז דער הרוג און מען מוז אים ברענגען צו קבר ישראל. אָבער עס האָבן זיך נישט געפונען קיין מענטשן, וועלכע זאָלן זיין גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן און פאָרן אין דאָרף פּיאַן, אין וואַלד אַריין..

ווען מיר, די יוגנטלעכע, האָבן זיך דערוווסט וועגן דעם פאַל, האָבן מיר באַלד באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּיאַן. דריי פון אונדז זענען מיט פערד־און־וואָגן אַרויסגעפאָרן אַהין, ווייל מיר האָבן געקענט אַלע וועגן, וואָס פירן אין וואַלד אַריין. פּלוצים האָט זיך דאָס פערד אָפּגעשטעלט און נישט געוואָלט ווייטער גיין.

מיר זענען אַראָפּ פון וואָגן צו זען וואָס איז די סיבה דערפון, און אינעם שיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ נאַקעטן טויטן קערפּער. געווען איז דאָס דער אומגעבראַכטער אליעזר האָכבערג.

איינער פון אונדז האָט זיך באַלד אומגעקערט מיט פערד־און־וואָגן צוריק אין שטעטל און מיר, די אַנדערע צוויי, זענען אַריין אין נאָענטן דאָרף, און דאָרטן האָט אַ פּויער אונדז דערציילט ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען דער מאָרד.

ווען דער לערער איז געגאַנגען צופוס פון בורעמל מיטן וואַלד קיין דובנאָ, האָבן אים קאָזאַקן פאַרהאַלטן, געבראַכט אין דאָרף און אים אַריינגעוואָרפן צו אַ פּויער אין קעלער, שרייענדיק צו אים, אַז ער איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. אַליין זענען זיי אַוועק זוכן בראָנפן. באַלד איז צו אים אַריין דער פּויער און זיך געבעטן ביים לערער: „אַנטלויף, ווייל זיי וועלן דיך דערמאָרדן און צונעמען דיינע מלבושים און שטיוול״. אָבער דער לערער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז „ברידער רעוואָלוציאָנערן״ זאָלן אַזוינס טאָן.

די קאָזאַקן זענען צוריקגעקומען, און מיטנעמענדיק דעם לערער, זענען זיי אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַלד, שרייענדיק צו אים אויפן גאַנצן וועג: „בורזשוי! פאַרעטער!״ דער לערער האָט זיך ביי זיי געבעטן, אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. זיי האָבן אים צוגעפירט צו אַ בוים און דאָרטן דערשאָסן. דערנאָך האָבן זיי אים אויסגעטאָן נאַקעט און זיך צעטיילט מיט זיינע מלבושים.

נאָכן אויסהערן אָט־די איינצלהייטן, האָבן מיר טרויעריקע פאַרלאָזט דאָס דאָרף און זיך אומגעקערט אין וואַלד אַריין צו היטן דעם הרוג. ביי אונדז איז רייף געוואָרן דער באַשלוס, אַז מיר מוזן זיין באַוואָפנט, כדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד מערדער און רויבער, מיט וועלכע די געגנט איז געווען פול.

פאַרטאָג איז אָנגעקומען אונדזער דריטער חבר פון שטעטל, באַגלייט פון חברה־קדישאַלייט, כדי אַריבערצופירן דעם הרוג קיין מלינאָוו.

גרויס איז געווען דער טרויער אין שטעטל צוליבן טראַגישן טויט פון דעם ליבן לערערחבר אליעזר האָכבערג. אַ פחד האָט ארומגעכאַפּט די יידישע באַפעלקערונג. צו דער לוויה זענען געקומען אַ סך יידן פון די ארומיקע שטעטלעך.

אַזוי איז אומגעקומען דער איידעלער און פיין־פילנדער לערער, וועלכער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה געגלויבט אין מענטש, און איז אומגעקומען אַלט־זייענדיק נישט מער ווי 25 יאָר.

כבוד זיין אָנדענק!

ש. מאַנדעלקאָרן

# פערזענלעכקייטן:

## ד״ר מוני קניזשניק

אויב אונדזער דור פאַרמאָגט נאָך מענטשן פון העכערן גייסטיקן פאַרנעם — איז דאָקטאָר מוני קניזשניק געווען געוויס איינער פון זיי. אויב אין דער ציוניסטישער וועלט זענען נאָך פאַרבליבן געטרייע אָנהענגער פון דעם לויטערן ציוניסטישן אידעאַל, אָן אַ וועלכן ס׳נישט איז פאַרב־צומיש — איז קניזשניק געווען איינער פון זיי און אויב ס׳זענען נאָך ערגעץ־וווּ פאַראַן ווייניקע, וועלכע פילן אויס דעם הייליקן געבאָט „זאָלסט ליבן דיין חבר ווי זיך אַליין״, איז קניזשניק אָן צווייפל געווען איינער פון זיי.

פופציק יאָר „בערך״ איז דאָקטאָר קניזשניק געשטאַנען פעסט אין די רייען פון ציוניסטישן אַוואַנגאַרד. אַמאָל אַלס זעלנער, אַמאָל אַלס פירער.

נאָך אין זיין פריסטער יוגנט איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן ציוניסטישן געדאַנק. נאָך אין חדר האָט ער צווישן זיינע חברים שוין געפּריידיקט ציוניזם, און די ליבע זיינע צו ארץ־ישראל איז געוואָקסן פון מאָל צו מאָל, צוערשט אַ נאַאיווע און נאָכער — אָן ערנסטע און איבערצייגנדיקע. אַזעלכע איז זי פאַרבליבן ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אפילו דער דורכפאַל פון זיין עליה אין יאָר 1935, ווען ער האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס ער האָט געשפּאָרט אין פאַרלויף פון 15 יאָר שווערער אַרבעט אין אַמעריקע און אין רעזולטאַט געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, — האָט נישט דערשיטערט זיין גלויבן אין ציוניסטישן אידעאַל. „קיינער איז נישט שולדיק אין מיין דורכפאַל״ — אַזוי האָט ער געשריבן — „נאָר איך אַליין, ווייל לעבן. צו ארץ־ישראל מוז מען זיך גרייטן אין אַלע הינזיכטן, און ווער ס׳טוט דאָס נישט טאָר ער קיינעם נישט באַשולדיקן״.

און ווירקלעך, אַלע זיינע בריוו פון נאָך זיין אומקער קיין אַמעריקע, זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט טיפער בענקשאַפט צום לאַנד. יעדעס מאָל האָט ער איבערגעחזרט, אַז די האָפענונג פון אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל האָט ער נאָך נישט אויפגעגעבן. און ווי האָט ער מקנא געווען די אַלע, וואָס האָבן



ד״ר מוני קניזשניק ז״ל

באַוויזן צו באַקעמפן אַלע שוועריקייטן און סוף־כל־סוף זיך צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון יענע יאָרן.

אין זיין לעצטן בריוו פון ערב שבועות תשכ״ג, אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט, האָט ער געשריבן: „מיין טרוים איז — ווייניקסטנס נאָך איין מאָל אין מיין לעבן באַזוכן ישראל״. צום באַדויערן, איז דער טרוים נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

און ווי זיין טיפע ליבע צו ישראל — אַזוי איז געווען זיין ליבע צו פריינט, צו מענטשן

בכלל. אויב מ׳האָט אַמאָל געזאָגט: „אַ פריינט דערקענט מען אין נויט״ — האָט מען קלאָר געמיינט אַזעלכע ווי מוני קניזשניק. דעריבער האָבן פריינט און נאָענטע אים געגלויבט, ווייטע און קעגנער — אים געאַכט.

*

געבוירן איז מוני אין אָסטראָפּאָליע (זווי־לער באַצירק) — דאָס שטעטל פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער. פון קינדווייז־אָן האָט מוני אַרויסגעוויזן סימנים פון נישט־געוויינלעכע פעאיקייטן. מלמדים און לערער האָבן פאַר־אויסגעזאָגט, אַז דאָ וואַקסט אַ „גאון ביש־ראל״. באַזונדערס האָט זיך מוני אויסגעצייכנט מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון. זיין פאָטער, וועל־כער האָט זיך גערעכנט לויט די באַגריפן פון יענער צייט אַלס רייכער מענטש, האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט כדי צו געבן זיין געניאַלן זון געהעריקע יידישע און וועלטלע־כע בילדונג.

אָבער נישט נאָר מיט טאַלאַנט איז מוני געווען געבענטשט פון דער נאַטור. ער האָט פאַרמאָגט, ווי שוין געזאָגט, אַ גוט האַרץ, אַ פילנדיקס, וואָס איז געווען שטענדיק פיל־באַר צו די ליידן פון אַ צווייטן. נאָך אין חדר, ווען ס׳האָט געטראָפן אַ חבר אַן אומגליק, האָט מוני דאָס אויפגענומען ווי זיין אייגן אומגליק. האָט עמעצער זיך געוויטיקט אין הילף — איז די ערשטע ווענדונג געווען צו מונין, און ער האָט נישט אַנטוישט. שטענדיק איז ער גרייט געווען צו העלפן. די דאָזיקע מידה האָט ער, ווייזט אויס, בירושה באַקומען פון זיין מוטער, נאָכמער פון זיין זיידן, וועל־כער האָט געהאַט אויפן אייניקל אַ געוואַלדי־קע השפעה. אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען אַ סטודענט פונעם מעדיצינישן פאַקולטעט, פלעגט ער ליב האָבן צו זיצן אין געזעלשאַפט און שעהנווייז דער־ציילן לעגענדעס און מעשיות, וואָס ער האָט געהערט פון זיין זיידן. און דאָס אַלץ האָט ער דערציילט מיט אַזאַ דבקות, גלייך ווי ער אַליין וואָלט געגלויבט אין אויטענטישקייט פון די אַלע לעגענדעס.

אין יאָר 1917, מיטן אויסברוך פון דער רו־סישער רעוואָלוציע און דערקלערונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען דער ציוניסטי־שער געדאַנק איז אַרויס אויפן ברייטן שליאַך, האָט מוני זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן פיבער פון זיין נשמה אין זידיקן קעסל פון ציוניסטישער אַרבעט. צו יענער צייט האָט ער געוווינט אין כמעלניק־פּאָדאָלסק, וווּ ער האָט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר. וועמ ס׳האָט נישט געזען יענע צייט מונין ביים רודער פון דער אַרבעט — האָט נישט געזען און ווייסט נישט וואָס ציוניסטישע אַרבעט איז. נאָר אין די חסידישע קרייזן האָט מען געקאָנט זען אַזאַ באַגייסטערונג, וואָס גרענעצט זיך מיט זעלבסט־אָפּפערונג.

דעריבער האָט די ציוניסטישע אַרבעט אין כמעלניק געדינט אַלס מוסטער פאַר דער גאַנ־צער סביבה. דער עיקר איז די אַרבעט באַ־שטאַנען אין ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־דעצירישער אַרבעט, ווי אַ קינדער־גאָרטן און אַ פאָלקס־שול מיט העברעאיש אַלס אונ־טעריכט־שפּראַך; אָוונט־קורסן פאַר דערוואַק־סענע און ציוניסטישע ביבליאָטעק, א ציוניס־טישער קלוב און ליטעראַרישע אָוונטן, אַ דראַמאַטישער קרייז און „הזמיר״, עפנטלעכע דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען און לעקציעס.

דאָס אַלץ האָט געוואַלדיק געווירקט אויף די אַלע קרייזן, וואָס זענען נאָך ווייט געווען פון פאַרטייאישן גערודער, ווי אויך פונעם ציוניסטישן געדאַנק. און אָט די ווירקונג האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן בעת די וואַלן צו דער יידישער קהילה. דאָס ציוניסטישע צעטל (אַלגעמיינע־צעירי־ציון בלאָק) האָט אָפּגע־האַלטן אַ גוואַלדיקן נצחון איבער אַלע פאַר־טייען פון רעכטס און פון לינקס און געווונען אַן איבערוויגנדיקע מערהייט. זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז אַלס פּרעזידענט פון דער קהי־לה איז אויסגעוויילט געוואָרן נישט קיין אַנ־דערער ווי מוני.

צום באַדויערן האָט ער אינגיכן געמוזט פאַרלאָזן זיין אָרט אין קהילה. אין 1919 איז ער שווער קראַנק געוואָרן און לויטן באַפעל

פון דאָקטוירים, איז ער געווען געצוווּנגען זיך דערווייטערן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער אויף איין זאַך האָט ער נישט מוותר געווען — אויף דער ציוניסטישער אַרבעט. און אין יאָר 1921, ווען דער סאָוויעטישער רעזשים האָט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן ציוניסטן, האָט ער רעזיגנירט און באַשלאָסן צו עמיגרירן צו זיינע קרובים אין אַמעריקע.

מיט אַ שווער האַרץ האָט מוני אָנגענומען די איינלאַדונג פון זיינע קרובים. אַמעריקע האָט אים נישט אימפּאָנירט. בעסער וואָלט ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער זיין געזונט־צושטאַנד, פון איין זייט, און די קרובים, וועלכע האָבן פאַרזיכערט אַ גרינגע איינאָרדענונג, פון דער צווייטער זייט, האָבן איבערגעוויגן.

ביים געזעגענען זיך, האָט ער ווי אַ נדר געטאָן: ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער קומען קיין ארץ־ישראל.

און דעם נדר האָט ער טאַקע מקיים געווען. אין יאָר 1935 איז ער געקומען מיט זיין פאַמיליע זיך באַזעצן אין לאַנד. צום באַדויערן, האָט ער נאָך 5 חדשים געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך אומקערן קיין אַמעריקע. זיין געזונט־צושטאַנד, ווי אויך די קנאַפּע אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען ביי זיין פאַך, האָבן אים געצוווּנגען נאָכאַמאָל זיך אונטערגעבן דעם רוף פון די קרובים, און מיט אַ שווער האַרץ האָט מוני זיך אומגעקערט צוריק אין גלות.

דאָך האָט ער דעם טרוים — נאָכאַמאָל זיך אומצוקערן און זען מיט זיינע אייגענע אויגן די יידישע מדינה אין איר אויפבוי־פּראָצעס, נישט אויפגעגעבן. דעם ווונטש פלעגט ער איבערחזרן אין אַלע זיינע בריוו, וועלכע זענען געווען פול מיט ליבע צו ישראל, אָבער דאָס מאָל איז דער חלום נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין די שבועות־טעג פון יאָר תשכ״ג, פונקט אַ יאָר נאָכן טויט פון זיין פרוי רחל, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים דורכגעמאַכט דעם ציוניסטישן וועג, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. שטיל און רואיק איינגעשלאָפן און מער נישט אויפגעשטאַנען.

ז. איגרת

# חיים ענבי

מיטן טויט פון חיים ענבי (וויינטרויב) טויכט־אויף אין זכרון א שטורעמדיקע עפּאָכע פון סוף ערשטן וועלט־קריג. די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט אונדז געטראָפן ווען מיר זענען נאָך געווען גאָר יונג. מיר זענען אין יענער צייט געווען תלמידים פון זעליקן, וועלכער איז געווען א גרויסער מאָראַליסט און דערציער פון א דור יוגנט, וואָס זעצט פאָר די ירושה פון הערצל.

זוכנדיק א וועג ווי אַזוי צו רעאַליזירן דעם גרויסן אידעאַל האָט יעדער געשטרעבט אויספאָרמירן פון זיך אַ טיפּ פון א קעמפער.

עס איז געווען א צייט פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג צווישן דעם רוסישן יידנטום און אַנטפּלעקונג פון געוואַלדיקן כוח און נאַציאָנאַלער ענערגיע, וואָס האָט פריער געדרעמלט אין די רייען פון דער יוגנט.

באַצויבערטע פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז האָבן מיר גענומען זוכן אונדזער אייגענעם וועג געטריבן פון אונדזער אידעאַל -- נישט קוקנדיק אויפן קריזיס, וואָס האָט דעמאָטל געהערשט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — א נייעם שאַפערישן ציוניזם. מיר האָבן געפונען אונדזער וועג אין די קרייזן פון „עת לבנות" און „דרור".

אַלס יונגע באַוועגונג פול מיט יוגנטלעכן גייסט און ברען, האָבן מיר געזען אין „דרור" א באַוועגונג פון טרוימער, וועלכע ווילן איינוואָרצלען אין דער יידישער קעגנוואַרט. די לאָזונג פון די גרינדער פון „דרור" איז גע־

ווען: מיר שטייען צופוסנס פון באַרג, אָבער מיר זעען דעם ווונדערלעכן און צויבערדיקן שפּיץ זיינעם — אונדזער לאַנד, צו וועלכן מיר שטרעבן.

די ערשטע שפּראָצן פון „דרור" האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זשיטאָמיר, בערדיטשעוו און קיעוו. קליינע קאָלעקטיוון אין שטורעמדיקן ים פון יידישער יוגנט. צווישן דעם זשיטאָמירער קאָלעקטיוו האָבן מיר, די יונגע פון „דרור", זיך באַגעגנט מיט חיים וויינטרויב, און — זיי צו לאַנגע יאָרן — מיט זיין שוועסטער חנה און ברודער יוסף, וועלכע געפינען זיך איצט אין ישראל.

אין פּראָצעס פון זוכן האָבן מיר פאַרשטאַרקט אונדזער קאָלעקטיוון כוח און דורך פּערזענלעכער איבערגעגעבנקייט האָבן מיר אויסגעטראָטן אונדזער וועג אין שטורמישער געזעלשאַפטלעכקייט — ס'זענען געווען צייטן פון פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַינע. פּעטליורע, סקאָראָפּאַדסקי, פּוילישע סאָלדאַטן — אַלעמענס הענט זענען געווען אויסגעשמירט אין יידיש בלוט. טייכן בלוט פון בירגערקריג. און „דרור" איז געווען טעטיק אין אָרגאַניזירן זעלבסט־שוץ.

ציוניזם איז אומלעגאַל, פאַרבאָטן, גערודפט.

דער גלאַנץ פון דער רעוואָלוציע האָט נישט פאַרבלענדט די אויגן פון דער יידישער יוגנט. ס'איז געווען א תקופה פון אויסשמידן אונדזער אינערלעכן כוח.

אַלס פאַרזעצונג פון אונדזער גרויסער אויפגאַבע און טריישאַפט צום ציוניזם באַשליסן מיר איבערצופירן דאָס קערנדל פון „דרור" קיין פּוילן. דאָרט שפינען מיר אויפסניי דעם פאָדעם, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן. מיר האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן זיך אַלס אינטעגראַלן טייל פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין דעם שטורעמדיקן ים פון פּוילישן יידנטום זענען אויפגעשווומען פראַגן ווי אַזוי דערציען און אָרגאַניזירן א טעטיקייט לטובת קרן קימת, קרן היסוד, תרבות־שולן און החלוץ — א מיטל צום ציל.

צווישן די ערשטע פון קאָלעקטיוו פון „דרור" אין זשיטאָמיר און נאָך דעם צווישן דער צענטראַלער גרופּע אין פּוילן, איז בולט געווען חיים וויינטרויב־ענבי. ער איז געווען טריי און אַקטיוו אין דער באַוועגונג אין משך פון יאָרן. שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך און געזאָרגט פאַר אַלץ און אַלעמען.

חיים איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין לעבן, אין דער געזעלשאַפט אַרום. מיר אַלע האָבן געוווסט אים אָפּצושאַצן. אונטער זיין טרוקענעם לעבנס־שטייגער האָט געקלאַפּט א צאַפּלדיק־וואַרעם האַרץ. געווען אפילו שטיפעריש אַזוי, אַז מיר, זיינע נאָענטע חברים, פלעגן אים רופן מיט ליבשאַפט „חיים טראַסק".

אין ארץ־ישראל איז חיים צוגעשטאַנען צום קיבוץ גבעת־השלושה אין פתח־תקוה. אין א צייט אַרום איז ער אַריין אַרבעטן אין משרד עבודות ציבוריות אין פתח־תקוה. דאָ, אין לאַנד, האָבן זיך צעשיידט אונדזערע פּאָליטישע וועגן, אָבער תמיד איז חיים געבליבן א גוטער, געטרייער און איבערגעגעבענער חבר, א מענטש פון ריינעם געוויסן, אַן עקשן אין זיין אידעאָלאָגישן וועג. אפילו אין זיינע פליכטן, ווען ער איז אַריבער אין „דבר" און אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע פון הסתדרות, אַלס שליח פון דער הסתדרות.

איצט זענען מיר נוטה צו פאַרגעסן, אַלס רעזולטאַט פון אינטענסיוון טומלדיקן לעבן אויפן געביט פון מדינה און געזעלשאַפט. און בכלל האָבן מיר א טבע צו פאַרגעסן. אָבער די געפילן פון זיין חברישער אָפּשאַצונג, צו וועלכער ענבי האָט זוכה געווען ביי זיין לעבן, און די פשוטקייט פון זיין שטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט — וועלן תמיד בלייבן אין אונדזער זכרון.

י. באַנקאָווער

# ד״ר חיים שאַשקעס

ד״ר שאַשקעס, באַוווסט אין דער יידישער וועלט אַלס רייזנדער, שרייבער, קאָאָפּעראַ־טאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער, איז גע־שטאָרבן אין ניו יאָרק דעם 6־טן מאַי 1964, אין עלטער פון 73 יאָר. ער איז געווען איי־נער פון די גרויסע יידישע רייזנדער אין דער לעצטער תקופה, וועלכער האָט זיך באַמיט שטענדיק שאַפן פאַרבינדונגען מיט יידישע עדות אין צעשפּרייטע און פאַרוואָרפענע ווינ־קעלעך אויף דער וועלט. אין משך פון צענד־ליקער יאָרן האָט ער געוואַנדערט און געווען ווי אַ משולח פון יידישן פאָלק. אומעטום האָט ער געזוכט יידישע שבטים, קהילות, גרופּן און אפילו איינצלנע יידן, אויסגעפאָרשט זיי־ערע מנהגים און אַרט לעבן. ער האָט זיי גע־בראַכט די בשורה פון יידישן אויפלעבן און אַ גרוס פון דער באַנייטער יידישער מדינה. דער עיקר — ער האָט אין זיי אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַלן גייסט און געהאָלפן זיי פאַר־בינדן זיך מיטן כלל ישראל.

אין זיינע פיל נוצלעכע רייזעס איז ד״ר שאַשקעס אויפגענומען געוואָרן דורך הערר־שער פון מלוכות און אָנגעזעענע פּערזענלעכ־קייטן, געפירט מיט זיי געשפּרעכן, איבער־הויפּט וועגן גורל פון די יידן און וועגן זייער באַציאונג צום יידישן פאָלק און צו מדינת ישראל.

ד״ר שאַשקעס האָט אַ סך דורכגעמאַכט אין זיינע רייזעס אַלס יידישער עסקן; צוזאַמען מיט דעם האָט ער זיך קונה שם געווען אַלס טאַלאַנטפולער דערציילער און רעדנער. מיט זיינע רעפעראַטן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער האָט ער געהאַט גרויס דערפאָלג. זיינע דערציילונגען זענען געדרוקט געוואָרן אין צייטונגען און אין רייזע־ביכער. אין די יידישע קרייזן האָט מען זיי אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס און אָפּשאַצונג.

אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלח־מות איז ד״ר שאַשקעס געווען רעוויזאָר און אינסטרוקטאָר אין רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע בענק אין וואָלי־נער געגנט (דאַן אונטער דער פּוילישער מאַכט). קומענדיק אין באַרירונג מיט וואָלי־נער יידן אַלס גרויסער סימפּאַטיקער פון וואָ־לינער יידנטום, האָט ער געהעריק אָפּגעשאַצט די טאַטן פון וואָלינער שבט בכלל. ער האָט זיך אָפּגערופן מיט באַגייסטערונג צו דער אי־ניציאַטיוו פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד צו פאַראייביקן די פאַרגאַנגענהייט פון וואָלין, אירע קהילות און קדושים, דורך אויפשטעלן דעם „היכל ווהלין״ אין ישראל.

בשעת זיין לעצטן באַזוך, אין 1963, אין ישראל, איז ד״ר שאַשקעס אַריינגעטראָטן אין ערן־קאָמיטעט פון איגוד וואָלין. נאָך דעם איז ער אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען פון וואָלינער עסקנים אין אַמעריקע פאַרן „היכל ווהלין״. ער האָט פּראָיעקטירט אויסצואַרבעטן מיט דער פאַרוואַלטונג פון איגוד אַ פּלאַן פאַר זיין קינפטיקער טעטיקייט פאַרן „היכל ווהלין״.

זיין טויט האָט איבערגעריסן אַלע זיינע פּלענער.

כבוד זיין אָנדענק!

מ. בורקא

# ברוך אַליצקי

ברוך אַליצקי, דער ייִנגערער ברודער פֿון דעם דיכטער ל. אַליצקי (אין ישׂראל) און דער עלטערער ברודער פֿון דעם דיכטער מאַטעס אַליצקי (אין אַמעריקע), איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1907 אין שטעטל טריסק, וואָלין. זיין פֿאָטער, ר׳ נחום נחמן — איז געווען אַ תּלמיד־חכם און איידעלער ייִד; זיין מוטער (אסתּר) רייזיע — אַן אשת־חיל — פֿון די חשובסטע אין שטעטל. חוץ וואָס זיין זיידע, יעקב־מאיר, איז געווען אַ ייִד אַן עושר און אַ חכם, האָט זיך דאָס הויז איבערגענומען מיט גרויסן יחוס: פֿון דער מאַמעס צד — מיט רב לייב שרהס און די „חמישה־חומשי־תּורה״; פֿון טאַטנס צד — מיט דעם גרויסן רב אהרעלע קאַרלינער.

ברוך האָט געלערנט אין חדרים, האָט שוין אָבער, צוליבן אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נישט באַוויזן צו לערנען ביי די עלטערע גמרא־מלמדים. און ווען ער איז אין יאָר 1918, צוליב דער נויט אין שטוב, אַוועקגעפֿאָרן צו אַ פֿעטער אין ראָטנע, האָט ער דאָרט געלערנט אין דעם העברעאיש־ציוניסטישן בית־הספר.

אין יאָר 1920 האָט ער זיך אומגעקערט קיין טריסק, ווו ער האָט איבערגעלעבט דעם טויט פֿון דער מוטער — דער פֿאָטער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט — און דער מצב אין שטוב איז געוואָרן גאָר קריטיש. ער איז דעריבער אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ „קאָנדיציע״ אין אַ נאָענט דאָרף, ווו די פֿרייע נאַטור, דאָס פֿעלד, דער פּויער און זיין לעבן האָבן געמאַכט אַ גאָר טיפֿן איינדרוק אויף זיין עמפּפֿינדלעך געמיט. אין דער איינזאַמקייט פֿון דאָרף האָט ער וואַרשיינלעך אָנגעהויבן צו פּרוּוון זיין דיכטערישע פּען. אין יאָר 1923 האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, געשריבן געהיימערהייט און „געשלונגען״ ביכער. אין יאָר 1924 האָט ער אין אַ יוגנט־זשורנאַל דעביוטירט מיט זיין ערשט ליד. פֿון דעמאָלט אָן זיך זייער אָפֿט געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ און אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס ביי דעם בעסערן לייענער. צוליב דער אומאויפֿהערלעכער נויט אין דער היים, איז ער אַרויסגעפֿאָרן אַרבעטן אַלס לערער אין דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין דרויע, ווילנער פּראָווינץ.

אין יאָר 1928 האָט ער חתונה געהאַט, און די פֿרוי האָט אים געבוירן אַ זון — מוניעלע. ער איז אַרויסגעפֿאָרן אַרבעטן אַלס לערער אין דער מעזריטשער פֿאָלק־שול. נאָך דעם אין דער שול אין לונע. אין יאָר 1934 איז ער זיך צעגאַנגען מיט זיין פֿרוי און אָרעם און הויל אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווו ס׳איז אים אויסגעקומען צו הונגערן. דאָ איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיט זיינער אַ געוועזענער שילערין, מרים האַלפּערין, און זיי האָבןביידע געלעבט אין נויט. אין יאָר 1936 זענען זיי אַרויסגעפֿאָרן אַרבעטן אין זשעטל. אין יאָר 1938 האָבן זיי געאַרבעט אין לאַדזש. אין יאָר 1939 זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿאַרן דייטש קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווו ברוך האָט געאַרבעט אַלס לערער אין אַ סאָוויעטיש־ייִדישער גימנאַזיע אין גראָדנע, שפּעטער, צוליב פּאַספּאָרט־שוועריקייטן, אין דער סאָוויעטיש־ייִדישער שול אין ליאַכאָוויץ. ער האָט געשריבן און זיך געדרוקט אין די סאָוו.־ייִדישע אויסגאַבן, ביז ס׳זענען אַריין די נאַציס און די גאַנצע קהילה איז אַוועק צום אומקום. זיין בן־יחיד איז אומגעקומען אין טריסק.. זיינע שאַפֿונגען זענען אַוועק מיט אים צוזאַמען.

זיין ברודער ל. אַליצקי האָט, אַמקערנדיק זיך פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד קיין פּוילן, צונויפֿגעזאַמלט זיינע געדרוקטע לידער, צעשפּרייטע איבער פֿאַרשידענע זשורנאַלן, און אין יאָר 1951 איז דערשינען אין ניו־יאָרק ברוך אַליצקיס איינציק בוך א״נ „מיין בלוט איז אויסגעמישט״ — אַ מצבה אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר.

ל. אַליצקי

# יוסף גאָרדאָן

יוסף גאָרדאָן איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל קאָפּיל אין 1896, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן און יוגנט. זיין פאָטער איז געווען יעקב־שמעון גאָרדאָן, וועלכן מען האָט גערופן „יעקב שמעון משה תבואה־הענדלער", אַ שטאָט־בעל־הבית און זיין מוטער לאה — אַן אשת חיל.

זייענדיק אַ קינד האָט מען אים אַריינגעגעבן לערנען אין אַ חדר, נאָכדעם האָט ער געלערנט ביי אַ לערער און איינגעזאַפּט אין זיך יידישע ליטעראַטור, מיט פיל אינטערעס צום לייענען און אַריינטראַכטן אין דער ליטעראַטור פון דור, אַזוי, אַז מען האָט אים גערעכנט צווישן די משכילים פון שטעטל. ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט ער זיך געלאָזן קיין אַמעריקע און זיך אָפּגעשטעלט אין באָסטאָן. דאָרט האָט ער געלעבט שווער. פון באָסטאָן איז ער איבערגעפאָרן קיין ראָטשעסטער און אויסגעפירט פאַרשידענע אַרבעטן, נישט האָבנדיק קיין איבעריקע ברכה פון זיין מי. עס האָט אים געצויגן צו געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור און ער האָט אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן צו פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע ענינים..

ווען עס האָט זיך געבילדעט דער יידישער לעגיאָן (הגדוד העברי) אין אַמעריקע, האָט גאָרדאָן זיך אָנגעשלאָסן צו אים און אַרויס מיט דער שטרעבונג צו באַפרייען ארץ־ישראל. נאָך דעם קריג האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ראָטשעסטער און חתונה געהאַט מיט פריילין שרה גאָלדפאַרב און געווען טעטיק אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אַרבעטנדיק, האָט ער טאָג־טעגלעך נישט אויפגעהערט חלומען וועגן ארץ־ישראל און באַדויערט וואָס ער האָט עס פאַרלאָזט.

לויט זיינע איבערצייגונגען איז גאָרדאָן געווען אין די רייען פון „פּועלי ציון" און געשטיצט די „אחדות העבודה" פאַרטיי פון ישראל. ער איז געשטאַנען אין באַרירונג מיט קולטור־מענטשן און אויפגענומען יעדן גאַסט פון ישראל. ער פלעגט איינלאַדן צו זיך די געסט און איינאָרדענען פאַר זיי אסיפות און העלפן זיי אויספירן זייער פליכט סיי אין געלט־זאַמלונג און סיי אין ביכער־פאַרשפּרייטונג.

צוריק מיט 8 יאָר איז גאָרדאָן קראַנק געווען אויפן האַרצן און איז געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון אַרבעט און פאַרבליבן דער פאַרשפּרייטער פון דער יידישער פּרעסע אין ראָטשעסטער. ער פלעגט אויך פאַרקויפן ביכער אין זיין שטאָט און איז געווען באַליבט אין פאַרשידענע קרייזן.

לעצטנס איז גאָרדאָן צוגעשטאַנען צום געדאַנק פון פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום דורכן אויפשטעלן דעם „היכל ווהלין" אין ישראל. ער האָט אָרגאַניזירט דעם וואָלינער קאָמיטעט אין ראָטשעסטער, אויך געוויילט געוואָרן אין ערן־קאָמיטעט פאַרן „היכל ווהלין" אין אַמעריקע. ער האָט פיל געטרוימט וועגן דער היסטאָריע־ענציקלאָפּעדיע, וועלכע דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט גרייט זיך אַרויסגעבן, און גלייכצייטיק — וועגן עליה קיין ישראל. אָבער דער אומדערבאַרעמדיקער טויט האָט צונישט געמאַכט זיינע פּלענער.

אָנהייב מערץ 1964 האָט גאָרדאָן, צוזאַמען מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט פאַרן „היכל ווהלין" און אין דער זעלבער נאַכט האָט ער באַקומען אַ צווייטן האַרץ־אַטאַק. נאָכן ליגן 2 וואָכן אין שפּיטאָל איז ער אַוועק אויף אייביק דעם 24־טן מערץ 1964, איבערלאָזנדיק אין טרויער זיין פרוי שרה, צוויי טעכטער, ביילע און אסתר, און זעקס אייניקלעך.

בן־ציון אַווערבוך

# צו די וואָלינער לאַנדסלייט אין דער וועלט

טײַערע ברידער!

צוויי צענדליק יאָר זענען פאַריבער זינט דאָס פראַכטפולע וואָלינער יידנטום איז אכזריות־דיק אומגעבראַכט געוואָרן. צווישן די קרבנות פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע געפינען זיך אויך אײַערע קרובים און פריינט, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען אפילו קומען צו קבר ישראל און מען האָט פאַר זיי קיין מצבה נישט אויפגע־שטעלט. נאָכמער, די נאַציס און זייערע מיטהעל־פער פון אַלע מינים האָבן פאַרניכטעט און אָפּגע־ווישט אַ סך ברידער־קברים פון די קדושים; זיי האָבן געשענדעט און צעשטערט די בתי־קברות און צעבראָכן די מצבות, וועלכע זענען אויפגע־שטעלט געוואָרן במשך פון דורות. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי פאַרווישן און אָפּמעקן אינ־גאַנצן דעם זכר און דעם עבר פון די יידן אויף דער וואָלינער ערד.

דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדס־לייט, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די אויפ־גאַבע צו פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום, זיין גייסט, קולטור און פאַרגאַנגענהייט, זיינע גדולים, גאונים, שפער, עסקנים און פאַלקס־מענטשן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן, גיט יעדן די מעגלעכקייט פערזענלעך צו פאַר־אייביקן זיינע קרובים־קדושים, זיינע פריינט און אַנדערע נפטרים דורך אַ סימבאָלישער מצבה אינעם „היכל וואָלין", וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן אין ישראל.

אויף אַ פאַראייביקונגס־בלאַט (דף הנצחה), געדרוקט אין דער פאָרם פון אַ סימבאָלישער מצבה, קען יעדער איינער פאַרצייכענען די נעמען פון די קדושים און פאַרשטאָרבענע, וועלכע ער וויל פאַראייביקן מיט פאַרשידענע פרטים וועגן זיי. די דאָזיקע בלעטער וועלן איינגעפאַסט ווערן אין אַנטשפּרעכנדע פאַרן דאָזיקן צוועק אַלבומען (לויט די קהילות און שטעט), וואָס וועלן אָפּגע־היט ווערן אין אַ ספּעציעלן זאַל פונעם „היכל וואָלין", וווּ ס'וועט ברענען אַ נר־תמיד און יע־דער וועט קענען זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון זיינע קדושים און נאָענטע. די דאָזיקע בלע־טער וועלן דינען לזכרון עולם פאַר פרט און כלל און פאַר די קומענדיקע דורות, ווי אויך אַלס סימבאָלישע מצבה במקום דער שטיינערנער מצבה, וועלכע איז נישט געשטעלט, אָדער איז צעשטערט געוואָרן.

טייערער ברודער און פריינט, דאָס בלוט פון אונדזערע וואָלינער קדושים שרייט צו אונדז פון דער ערד. דו ווערסט גערופן אויפשטעלן אַ סימ־באָלישע מצבה פאַר דיינע נאָענטע, וועלכע זענען שוין מער נישטאָ. שליס זיך אָן צו דער מחנה פון די, וועלכע דערפילן זייער חוב לגבי דעם אָנדענק פון זייערע קרובים און פריינט.

צו דעם צוועק דאַרפסטו אויספילן, ריין און דייטלעך, דעם אונטערשטן קופּאָן און ווי אַמ־שנעלסטן אים אַריינשיקן צו אונדז אויפן אַדרעס: איגוד עולמי של יוצאי ווהלין, תל־אביב, שד' רוטשילד 30, ת. ד. 1186.

אונדזער ביוראָ איז טעטיק יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין די שעהן פון 6.30 ביז 9.30 אָוונט.

מיט פריינטלעכן גרוס

**פאַרוואַלטונג פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד**

## צום וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט

שדרות רוטשילד 30, ת. ד. 1186, תל־אביב

וועלנדיק אויפשטעלן אַ סימבאָלישע מצבה צום אָנדענק פון מיינע אומגעקומענע און פאַרשטאָרבענע קרובים און פריינט, בעט איך פאַרצייכענען אויף אַ פאַראייביקונגס־בלאַט (דף הנצחה) אינעם אַלבום צום אָנדענק פון די קדושים פון .......... די פאָלגנדע קדושים:

| נאָמען און פאַמיליע | נעמען פון זיינע עלטערן | עלטער | דאַטע פון יאָרצייט | ווו אומגעקומען | קרובהשאַפט |
|---|---|---|---|---|---|
| 1. | | | | | |
| 2. | | | | | |
| 3. | | | | | |
| 4. | | | | | |
| 5. | | | | | |
| 6. | | | | | |

**פּרטים פונעם פאַראייביקער:**

| נאָמען און פאַמיליע | נאָמען פון די עלטערן | ווען און ווו געבוירן | געוועזענער איצטיקער אַדרעס |
|---|---|---|---|
| | | | |

**אַנדערע פּרטים:**

אָרט ...... דאַטע ...... 1964 אונטערשריפט

ספריית "יד ושם" ... תשואה

# צו אלע וואָלינער

צוליב טעכנישע סיבות זענען אין דעם זאַמלבוך נישט אַריין ידיעות פון וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, ביבליאָגראַפישער מאַטעריאַל, אָנפראַגן וועגן געזוכטע קרובים א. אַנד. ס׳איז אויך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קיין מאַטעריאַל וועגן דער טעטיקייט פונעם וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד אין ישראל און פון זיינע אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע לענדער. דאָס אַלץ וועט אַריין אין דעם קומענדיקן זאַמלבוך „ילקוט וואָלין״ כ׳.

די וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט, ווערן געבעטן אַריינשיקן אין רעדאַקציע ידיעות און נאָטיצן וועגן זייער טעטיקייט, פערזאָנען־צוזאַמענשטעל פון די קאָמיטעטן און אַנדערע מאַטעריאַלן.

די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן יזכור־ביכער, ווערן געבעטן אַריינשיקן צו איין עקזעמפּלאַר, כדי דערמעגלעכן צו געבן וועגן זיי אין „ילקוט וואָלין״ א געהעריקע אָפּשאַצונג. די ביכער וועלן איבערגעגעבן ווערן דער ביבליאָטעק פונעם „היכל וואָלין״ און וועלן דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דער ענציקלאָפּעדיע און געשיכטע פון וואָלין.

דער וועלט־פאַרבאַנד בעט אַלע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס צושיקן אים רשימות מיט די נעמען און אַדרעסן פון אַלע וואָלין־שטאַמענדע יידן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, כדי צו דערגאַנצן די געפירטע דורך אים קאַרטאָטעק פון אַלע וואָלינער לעבנגעבליבענע אין דער גאָרער וועלט.

די באַשטייערונג צום אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין״ ווערט געפירט מיט דערפאָלג. יעדער, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט וואָלין, אָדער רעכנט זיך צו די פריינט פונעם וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד, ווערט געבעטן זיך באַשטייערן (מעגלעך אויך אין ראַטעס) און ווערן אַ שותף צו דער פאַראייביקונגס־אַקציע פונעם וועלט־פאַרבאַנד.

**חברים, לייגט־צו אייערע ציגל צום בוי פון „היכל וואָלין״!**

גלייכצייטיק ווערט יעדן איינעם געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַראייביקן די נעמען פון די וואָלינער קדושים און אַנדערע אומגעקומענע דורך ספּעציעל פאַר דעם צוועק באַשטימטע „פאַראייביקונגס־בלעטער״ („דפי הנצחה״), וועלכע וועלן אָפּגעהיט ווערן אין „היכל וואָלין״ אַלס סימבאָלישע מצבות פאַר דור־דורות. איינצלהייטן צו באַקומען אין ביוראָ פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד: **תל־אביב, שדרות רוטשילד נומער 30 (לאָקאַל פון יוצאי ברית המועצות), ת. ד. נומער 1186**, יעדן מאָנטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק, אין די שעהן פון 6.30 ביז 9.30 אָוונט.

וועלט־פאַרבאַנד פון די וואָלינער
און רעדאַקציע „ילקוט ווהלין״

## צו אַלע פריינט פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט און שפּענדער פאַרן „היכל וואָלין״

די פאַרוואַלטונג פון וועלט־פאַרבאַנד שאַצט־אָפּ ווי געהעריק דעם וואַרעמען אָפּרוף און מיטהילף פון פריינט, מעצענאָטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און אַלע שפּענדער, וואָלינער און נישט־וואָלינער, ווי אויך אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, קיבוצים און איינצלנע פערזאָנען אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט, וועלכע האָבן זיך באַשטייערט פאַרן אויפשטעלן דעם גרויסן מאָנומענט צו פאַראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום דורכן „היכל וואָלין״. דריקט זיי אַלע אויס איר האַרציקן דאַנק פאַר זייער ביז־איצטיקן אָפּרוף און פאַר זייער טעטיקייט אויף להבא, און ווינטשט זיי אַלע אַ גוט יאָר, אַ יאָר פון שלום, געזונט און גליק

**לשנה טובה תכתבו!**

# לקראת השנה החדשה תשכ"ה

שולח האיגוד העולמי של יוצאי ווהלין, המרכז בישראל
את מיטב ברכותיו:

**למדינת ישראל,**
**לסוכנות היהודית לא"י,**
**למוסד „יד ושם" ירושלים**
**לועד למען „היכל ווהלין" בארצות הברית**
**לועד הווהליני בצרפת**
**לחברי ועד הכבוד, המועצה, ההנהלה והועדות**
**לכל הארגונים הווהליניים בישראל ובתפוצות**
**לנאמני ולעסקני האיגוד העולמי וסניפיו**
**לבני ווהלין בכל מקום שהם ולמשפחותיהם**

ולכל בית ישראל
שנה טובה וברוכה בכל השטחים!

---

## חיים אלוני בע"מ

בית חרושת למוצרי:

**מ ל ט,**
**מ ר צ פ ו ת,**
**מ ד ר ג ו ת**
**ר ע פ י ם**
**ואח׳**

המשרד:
**חיפה, רח׳ הרצל 63**
**ת.ד. 5194 טל. 2376**

---

## צינקל בע"מ יצרני צנורות קלים להשקיה

**בערגול קר:**

1. מאלומיניום בקוט׳ "1,1/2 ועד "16 באורך עד 18 מטר
2. מפלדה מגולבנת בקוט׳ "2, "3, "4, מ־6 עד 12 מטר אורך
3. יצור שוקתות ואבוסים מפלדה מגולבנת ואלומיניום.

בשיטת הדחיסה (אקסטריזיון):
יצור חלונות ודלתות, צנוריות ופרופילים מאלומיניום
לכל צרכי המשק

לתעשיה, לבנין, לחקלאות

המשרד הטכני: תל־אביב, רח׳ העליה 33, טל. 822048 824790
משרדי החברה: אזור התעשיה החדש בפתח תקוה טל. 911170
בית החרושת: אזור התעשיה החדש בפתח תקוה
טל. 911794/5/6/7

---

## בית חרושת
## פלקרמיק בע"מ

**חיפה, מפרץ טלפון 71024**
**סוכנות אז׳יצקי ברגר ת"א**
**רח׳ זבולון 29 טל. 822071**

מייצרים מוצרי אבנית בלעדיים באי־כותם המעולה הידועה בעולם בשם „שטינגוט" המאושרים ע"י המכון לקרמיקה ועומדים בדרישות התקן העולמי. מוצרי נוי אמנותיים ושי־מושיים כגון: אגרטלים, קערות לפי־רות ומוצרים אחרים מרהיבי עין. מערכות: אוכל, קפה, מוקה, לפתן, דגים, פירות, שחרית וערב. מוצרי חרסינה שקופה: מערכות קפה בסגנון ה„תמר" וה„ברוק".

---

## בנק למלאכה בע"מ

**ההנהלה המרכזית: ת"א, רח׳ קרליבך 9**
**ת.ד. 20078**

**„המלאכה" — קופת תגמולים לבעלי מלאכה**
**עצמאיים טלפ׳ 31491-2-3**
**קרן מרכזית לפיצויי פיטורין**

**סניפים:**

תל־אביב, סניף ראשי: רח׳ מרכז בעלי מלאכה 16
טלפ׳ 65632, 66414, 65613
באר־שבע: רח׳ הרצל פינת אילת טלפון 2505
חדרה: רח׳ הרברט סמואל פינת תרנ"א 29 טל. 2512
חיפה: רח׳ ליבונטין 14 טל׳ 51216־7
חיפה המפרץ: הכביש הראשי טלפ׳ 71190
ירושלים: רח׳ בצלאל 26, טלפון 25254
פתח־תקוה, רח׳ מונטיפיורי 13, טלפון 912303
צפת: רח׳ ירושלים 59, טלפון 30467
רחובות: רח׳ בנימין 8, טלפון 951110
תל־אביב: רח׳ הרצל 77, טל׳ 86802, 83860

**חרושת חמרי נפץ בע"מ**

מוצרי נפץ והנדסה כימית בע"מ
תעשית חמרי נפץ אזרחיים
ואביזריהם.

המשרד: תל־אביב ת.ד. 1363
טלפונים: 65402, 62741

**צ י ו ן**

**חברה לביטוח בע"מ**

המשרד הראשי:
תל־אביב, רח' אלנבי 120
ת.ד. 1425 טל' 64671, 67701

כל עסקי ביטוח

**תאונה**
**היא**
**מציאות חיים -**
**ולא תמיד**
**לאחרים...**

**הסנה** מגינה עליך מפני כל
על ידי ביטוח זול

כל סוגי הביטוח:
ביטוח־חיים
ביטוח נזקי רכוש וגוף
תובלה ביבשה, בים ובאויר

**הסנה**
חברה ישראלית לביטוח בע"מ




כוכב סיגריות הפילטר

**יכין חקל בע"מ**

עיבוד פרדסים, קטיף ואריזה, שיווק יבולי
פרדסים ותוצרת חקלאית אחרת.
נטיעה חדשי של מטעים.
תעשית תוצרת לואי של פירות.
המשרד הראשי:
תל־אביב, שד' רוטשילד 22 בית צים
ת.ד. 332 טלפ' 58151

**רכז פעולותיך הכספיות**

חשבונות עו"ש . סחר חוץ
תשלומים וגוביינא . ניירות ערך
מטבע־חוץ . פקדונות והלוואות

**בנק הפועלים בע"מ**

סניפים בכל ישובי הארץ


## מערכת „ילקוט ווהלין" מביעה

הוקרה לסופרים, לעסקנים ולכל אלה שסייעו בפרי עטם ופעילותם

לידיעת המעוניינים ברכישת קבצי א'—ט"ז, „ילקוט ווהלין"
הכרך א' אזל, כרך ב' נמצא בכמות מעטה,
מחיר כל כרך —.5 לירות.

---

המענים של האיגוד העולמי והמערכת:
ההנהלה: תל־אביב, רח' אנטוקולסקי 15 (ע"י צ. ברגר) טל. 227245
המשרד: תל־אביב, שדרות רוטשילד 30, ת.ד. 1186 טל. 63316
(בימים ב, ג, ו"ה, בין 6.30—9.30 בערב)


דפוס מל"ן בע"מ, תל־אביב, רח' הלל הזקן 6